STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04115

MIT TSUGENEYGTE REYD

M. M. Shaffir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ.-מ. שאַפיר

מיט צוגענייגטע רייד

PRINTED IN U.S.A.
מאָנטרעאַל, 1977

M. M. SHAFFIR

MIT TZUGENAYGTE RAYD

(Words of Endearment)

POEMS

אַ דאַנק

דעם ה׳ שמשון דונסקי, וואָס ער האָט געלייענט די קאָרעקטורן
און דעם ה׳ לוי מיהלשטאָק, פֿאַר דער צייכענונג אויפֿן טעוועלע

פֿונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פֿידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאָל, 1966
דערן שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
אַ רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969
בורא מיני חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, ~~1969~~ 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער), מאָנטרעאַל, 1973
אין מײַן געפֿאַלנקייט (לידער), מאָנטרעאַל, 1975

גלאָסאַר — בײַם סוף

בדפוס האחים
שולזינגער ניו־יארק, נ.י.

די בענקעניש פליט

די בענקעניש פליט,
די בענקעניש ציט —
קען זײַן, ס׳איז געמאָלט,
אַז דאָרט איז דאָס ליד.

קען זײַן, ס׳איז געווען.
מע זאָגט: מ׳האָט געזען.
נאָר איצט איז דאָרט פוסט —
די בראָך איז געשען.

אַ פֿייגעלע קלינגט,
אַ שטערנדל ווינקט —
מיר ציטערט דאָס האַרץ
און כליפּעט און — זינגט...

איך קוק אין די ווײַטן

איך קוק אין די ווײַטן
צו מײַן אויסגעריסן שטעטל:
אויף זײַן שותּפֿותדיקן קבֿר —
נישט קיין גדר, נישט קיין שטיין צו קאָפּנס, נישט קיין ברעטל.

בלויז אַ בערגל הויקערט זיך דערויף פֿאַריתומט,
און קוקט אין אַלע זײַטן: ווי לאַנג נאָך?
שוין אַריבער אַזוי פֿיל זונען און לבֿנות —
און קיינער איז נאָך מיט קיין קדיש אַהער נישט דערגאַנגען.

אַ ווערבע רײַסט זיך בײַ די עטלעכע נאַקעטע צווײַגן,
זי זוכט אירע האָר אין די יאַגנדיקע כוואַליעס.
ווער האָט דיר אויסגעפּליקט דײַנע צעפּ, די צאַרטע?
ווער האָט דיר דורכגעשאָסן די שמײַדיקע טאַליע?

פֿלעדערמײַז פּאָרן זיך אין קלויסטער־בוידעם,
זיי פֿליִען אַרײַן און אַרויס ווי היגע־נישט־היגע.
די גלעקער דרינדזשען — זיי ווילן זיך נישט שעמען
מיט זייער שותּפֿות אין דער הריגה.

די וועגן צלמען זיך איבער — קרומע.
דאָס קבֿר־בערגל ליגט כּמעט אין מיטן.
פֿאַרגאָסן בלוט גליווערט אין די שקיעות,
און אויף אַ הויכן הילצערנעם צלם — דער יויז אין אַ זעלנעריש היטל.

טאָפּאָלן־רייען שטייען אויסגעמושטירטע,
מיט ביקסן אין די פּאַכוועס — און שטומען אין שווײַגן.
ס׳איז קעגן נאַכט, אַ סאָווע האָט אַרײַנגעפּלאַטערט
צון אַ יונגער ליפּע אין די טויטע צווײַגן.

אין מײַן אומגעקומען שטעטל

אַ טרער אויפֿן אומקום פֿון אונדזערע מחותּנים
יידל און רבקה ראָזנבלאַט
און זייערע קינדער: שפּרינצע, נטע, שיקעלע
און חיהציע, און
יאָסל און רחל קולאַ
און פֿון מײַן גאַנץ שטעטל טשודי (טשודין)
און די סבֿיבֿה, אין דער בוקעווינע, זעקס
הונדערט און זיבעציק נפֿשות, אנשים, נשים
וטף, וואָס די רוצחים י״ש האָבן אומגעברענגט
שבת, י׳ תּמוז תּש״א (דעם 5טן יולי 1941).
הי״ד

א.

ווי פֿון ביידע וועגן ווערט אַ צלם אין מײַן שטעטל —
דאָרט האָט עס געטראָפֿן.
מ׳האָט צונויפֿגעטריבן,
מ׳איז אַליין געלאָפֿן...

אינעם נאָענטן קלויסטער
האָט מען פֿון די קייטן אָפּגעלאָזט די שווערע גלעקער;
אין געהילך האָט נאָכגעיאָגט דעם צווייטן —
און מ׳האָט אויפֿגעהערט זיך שרעקן.

און אין מיטן וואָיען פֿון די גלעקער
האָט אַ קראַך געטון אַ דונער,
און גענומען שפּײַען פֿײַער —
און די אָפּגעצוימטע ערדה באַלד געפֿונען.

נישט געווען קיין צײַט פֿאַר קיין געוויינען,
פֿאַר קיין טרערן.
אין אַזאַ געהודע, וואָס פֿאַרטייבט די הימלען —
ווי האָט גאָט געקענט דאָ עמעצן דערהערן?

— — — — — — — — — — —
מ׳האָט זיך פּחדימדיק אַרומגענומען
— — — — — — — — — — —
און מ׳איז אומגעקומען.

אפשר
האָט כּבֿיכול עפּעס יאָ פֿאַרנומען
און ער האָט אַראָפּגענידערט —
אַ מינוט נאָך דער מהומה.

אפשר
האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט דערנעבן,
אפשר
אויך אַ זיפֿץ געגעבן.

אפשר האָט ער אויך אַ כּליפּ געגעבן:
„שטעטעלע, מײַן טײַערס...״ —
אפשר אויך געלאָזט צוויי טרערן,
ווי אַ מאָל בײַם חורבן־בית.

ב.

דורך אַ חלום־סטעזשקע
האָב איך מיך דערשלאָגן
צו דער מאַמעס קבֿר —
קדיש זאָגן.

כ׳בין ווי פֿון אַן ערשטן חלום אַנגעקומען
אין אַ צווייטן —
דאָ וועל איך מיך קענען
אויף איר קבֿר שפּרייטן.

כ׳בין געקומען מיט אַ סטעזשקע,
וואָס זי ציט זיך ווי אַ בריקל,
און זי שלענגלט זיך אַזוי שוין
נאָך פֿון זינט דעם וויגל.

ווי די ערד זאָל מיר געווען אַקעגנפֿליִען —
בין איך אַנגעקומען,
און כ׳האָב אַנגעהויבן קדיש זאָגן.
חושך האָט מיך קאַלט אַרומגענומען.

כ׳בין געשטאַנען
אין אַ טויער
פֿון אַ פּוסטער לאַנקע.
כ׳בין געוואָרן פֿול מיט וויינענדיקן טרויער.

נישט ביַים קבֿר בין איך געשטאַנען.
נישט די הימלען האָבן זיך געעפֿנט — — —
לאַנקע מיַינע,
ווי האָב איך געקענט אַזוי דיך טרעפֿן?...

פינצטערדיקע שפּיגלען
האָבן מיר געבלענדט די אויגן,
מיר געבריט די ווײַעס
ווי פאַרסמטע לויגן.

שטיינער האָבן אויפגעבליט אין נעפּל —
אומגעוואָלגערטע מצבֿות.
דאָ געפינט זיך ערגעץ
אויך דער מאַמעס קבֿר.

איך האָב אָנגעהויבן קדיש זאָגן —
ווי דורך לעכעריקע זיפּן
זענען מיר געפאַלן זײַנע ווערטער
פון די שטאַרע ליפּן.

ג.

שאַרכן האָבן זיך דערנענטערט,
מיך אַרומגערינגלט.
איך האָב שיר געהערט: מע אָטעמט —
און כ׳האָב אויסגעשטרעקט די שפּיצן פינגער.

אַלע האָבן אָנגעהויבן
טײַטלען:
דאָס איז דאָך דעם שוחטס ייִנגל —
ר׳איז אַוועק נאָך העט בײַ צײַטנס...

„איך בין שפּרינצע, —
אין מײַן ערשטן טראָגן האָט מען מיך צעריסן".
„איך בין חײַצעלע, איר שוועסטער —
איך האָב שוין מײַן כלה־פינגערל אַרומגעוויזן".

„איך בין יידל, זייער טאַטע". איך — די מאַמע, רבֿקה".
„איך בין זייער מומע, רחל". „איך — דער פֿעטער, יאָסל".
„ווי, פֿאַר וועלכע זינד, פֿאַר וועלכן סדום־ועמורה,
האָט דאָ גאָט אַזוי זײַן צאָרן אויסגעגאָסן?"

„איך בין נטע, זייער ברודער".
„איך בין שיקעלע, דער ייִנגסטער פֿון די ייִנגלעך".
„כ'הער נאָך די האַרמאַטן־שאָסן
אינעם קלויסטערס קלינגען".

און די שאַרכן האָבן אָנגעהויבן
אָטעמען אַלץ שווערער.
נישט קיין ווערטער —
כ'האָב געקענט נאָר בלויז אַ ווילדן כאָר פֿון שאַרכן הערן.

בלויז פֿאַרקלעמטע העשענישן,
ווי מע זאָל זיך שפּאַרן דורך פֿאַרשטיקטע שלונגען,
ווי געקנײַלטע טויבן
וואָלטן אין אַ טערקלעניש זיך שטום צעזונגען.

אַנגסטן האָבן אָנגעהויבן
נידערן, אין מיר זיך זײַען,
און אַן אימה האָט מיך אײַנגערינגלט
שווער און בלײַען.

ד.

ווי אַ בלויע שוואַלב איז מיר אַהער פֿאַרויסגעפֿלויגן
מײַן פֿאַרבענקטע תּפֿילה —
ווײַט אַריבער שטערן און מזלות
האָט זי זיך געצילעט.

איך בין אָנגעקומען
און כ׳האָב נישט געטראָפֿן קיינעם.
ווינט, וואָס אין די שטאַרע צווײַגן —
צויבערסטו אויף אומגעוואַלגערטע מצבֿה־שטיינער?

איז דער ווינט געוואָרן
שטילער נאָך פֿון שטילער —
אפֿשר קען ער נישט קיין צויבערשפּראַכן,
אפֿשר צויבערן נישט וויל ער.

זאָג זשע דו מיר, שווערער וואָלקן,
וואָס דו שטענדיקסט דורך די טעג און נעכט דאָ:
קענסטו צויבערן אויף קבֿר־שטיינער,
אויף פֿאַרשוועכטע?

נאָר דער וואָלקן
איז געוואָרן שווערער, גרויער:
„איך בין דיר קיין בעלת־אובֿ נישט,
נישט קיין אַלטע גויע״.

בלאָע שוואַלב, מײַן תּפֿילה —
רוף מיר דו אַרויס דער מאַמעס כאָטש אַ צייכן —
סײַדנס כ׳בין נישט ראָוי
כ׳זאָל עס גאָר דערגרייכן.

האָט די שוואַלב געשוויגן:
„איך וועל, ווי פֿון תּמיד, שטומען...
צו דער רגע
וועט זי קומען״.

— — — — — —

האַלבע נאַכט — ווי אונדזער מוטער רחל —
קומט אַרויס די מאַמע פֿון איר קבֿר,
אין אַן אוקראַיִניש דערפֿל, נישט בײַם וועג קיין אפֿרת —
און זי קוקט, צי גייט ווער.

בײַ אַן אומגעוואָרפֿענער מצבֿה
שטעלט זי זיך — אַ טויב, אַ גרויע.
נישט זי פֿלאַטערט, נישט זי וואָרקעט —
זי׳ז דער דימיון פֿון מײַן טרויער.

נישט זי זעט מיך, נישט זי הערט מיך — — —
(כ׳בין אַ מאָל אַוועק אין פֿרעמדע לענדער וווינען,
און כ׳האָב זי געלאָזט אויף הפֿקר.
דאָס איז איצט מײַן עונש.)

אַרום איר און דער מצבֿה
צייכנט זיך אַ נעפּל־עיגול —
און זי שעפּטשעט שטום און אויסגעמאַטערט
פֿון אַ תּחינה, וואָס אין אירע מידע פֿליגל.

און אַרום דעם עיגול
איז די נאַכט פֿאַרשלאָסן.
אויך דעם הימל
האָט אַ חושכניש פֿאַרגאָסן.

אַ גן־עדנדיקע שטילקייט
רוט אַרום דער מאַמען —
(איך האָב זי פֿאַרנומען
פֿון איבער שיבֿעה־ימים.)

ביסלעכווײַז ווערט פֿול די פּוסטע לאָנקע
מיט געשטאַלטן, אָן מצבֿה־שטײנער —
אין די הענט די קעפּ און אין די קני׳עס —
אָן תּכריכים אויף די חרובדיקע בײנער.

און די גראָע טויב, די מאַמע,
האַלט דעם קאָפּ אין אירע פֿליגל, גלײַך מיט אַלע,
לעבן שטײן פֿון איר מצבֿה,
וואָס איז אײַנגעוואַליעט.

„ווײַזט מיר עמעצער דאָס פּנים —"
נאָר דערבעטן זיך איך קען נישט.
אַלע הויערן פֿאַרגליווערט,
און זײ גיבן זיך נישט צו דערקענען.

און אַ דינע נעפּל־מאַרלע
נידערט, שלײערט זײ אַרום, פֿאַרהילט זײ,
און זײ שווינדן ווידער
אינעם ים פֿון אײביקדיקער שטילקײט.

דער מאַמעס מצבֿה

געקומען צו פֿליִען אַ פֿויגל
פֿון ערגעץ אַ ווײַטן לאַנד,
און אַ מידער געשטעלט זיך רוען
אין אַ סטריכע איבער מײַן וואַנט.

ער קומט צו מיר אָפֿט צו פֿליִען —
נאָר ער לאָזט נישט אַרויס קיין קלאַנג.
פֿון זײַן פֿאַראומערט שווײַגן
ווער איך אויך פֿאַראומערט און קראַנק.

וואָס דאַרף מען זײַן פֿאַראומערט,
און אויך נאָך קראַנק דערצו?
דאָס שווײַגן לאָזט עפּעס וויסן
און נעמט בײַ מיר צו די רו.

איך האָב געפֿרעגט דעם פֿויגל,
וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט:
„וואָס קענסטו גוטס דערציילן
פֿון ווײַטע עקן וועלט?

וואָס הערט זיך אויף די וועגן,
און אין די גרויסע שטעט —
צי ברענגסטו גוטע בשׂורות,
כּל־זמן ס'איז, חלילה, נישט שפּעט?"

כ'האָב דעם פֿויגל געפֿרעגט און געמינטערט:
„דאָס האַרץ איז מיר פֿול און שווער —
צי ציִען אַוועק די כמאַרעס
פֿון איבער דער כמורנער ערד?"

האָט דער פֿויגל אַ פֿאָכע געגעבן
מיט די פֿליגל, און גאָרנישט געזאָגט,
און ווײַטער געזעסן פֿאַרדומעט,
ביז ס'איז אַוועק דער טאָג.

און מיט מײַן ערשטן חלום
איז ער אַהין אַוועק,
וווּ כ'האָב איבערגעלאָזט אַ לאָנקע
אַ מאָל — מיט אַ ברונעם בײַם ברעג.

בין איך אים נאָכגעפֿלויגן —
אַ חלום־פֿויגל פֿליט
אַפֿילו ביז ווײַטסטע לאָנקעס,
וואָס האָבן אַ מאָל געבליט.

מע זאָגט, אַז די לאָנקע איז חרובֿ,
דעם ברונעם האָט מען פֿאַרוויסט.
איך וואָלט הײַנט נאָך אַהין געוואָגלט,
אויף מײַנע מידע פֿיס.

נאָר אַרום דער פֿאַרוויסטער לאָנקע
אין יענעם ווײַטן לאַנד
איז אויסגעשפּרייט אַ מידבר,
און סע שטייט ביזן הימל אַ וואַנט.

אין חלום פֿליט מען אַריבער
אַפֿילו דעם העכסטן פּלויט —
אַהין, ווו אַ מאָל האָט אַ לאָנקע
געגרינט און געבליט און געבלויט.

דער פֿויגל האָט נישט געבלאָנדזשעט,
נאָר געפֿלויגן, ווי פֿייגל, גלײַך —
כ׳האָב באַלד דערקענט די גאַסן,
דעם קלויסטער, דעם באַרג, דעם טײַך.

און אָט איז דער וועג צו דער עדה,
וואָס ליגט אין אַ גרוב פֿאַרשטילט —
קיין שטיין, קיין ברעט, קיין גדר,
און די ערד איז נאַקעט און ווילד...

און נישט ווײַט פֿונעם גרוב, אויף אַ בערגל —
סע ציט מיך אַהין צו גיין —:
„צי שטייט נאָך דער מאַמעס מצבֿה?״
נאָר דער פֿויגל שווײַגט ווי אַ שטיין.

„איז פֿאַראַן נאָך אַ שטוב מיט מזוזות
אינעם אָרט, פֿון וואַנען איך קום?״
נאָר דער פֿויגל פֿאַרמאַכט די אויגן
און בלײַבט, ווי פֿרי׳ער, שטום.

אַ וואָראָנע איז דורכגעפֿלויגן
און געקראַקעט, איינע אַליין.
כ׳האָב איר נאָכגעקוקט דערשראָקן,
און פֿאַרשטאַנען וואָס זי מיינט...

איך האָב באַלד געפֿונען דאָס בערגל,
און אַ שטיין — אָט דאָס מוז ער זײַן —
ר'איז געלעגן אומגעוואַלגערט,
און געשײַנט מיט געלאָשענער שײַן.

האָב איך אים אויפֿגעהויבן,
אַזוי ווי אַ הייליקייט,
און מיר זענען אַרויס פֿון דער לאַנקע —
ווי כ'זאָל האָבן צוויי פֿליגל צעשפּרייט.

איך טראָג אין אַ ליימל אַ ליכטל,
וואָס באַלײַכט מיר דעם אַרום —
די הײַזער שווימען ווי קרײַעס
אויף כוואַליעס, וואָס רוישן שטום.

כ'בין מיט איר אומגעפֿלויגן
אין גאַנצן חלום־לאַנד —
דאָס מינדסטע שטילע געסל
איז דאָרטן מיר באַקאַנט.

איך רעד צו וועמען איך וויל דאָרט,
כ'גנעם אַרום דאָרט וועמען איך וויל —
די אויסגעמאַטערטע בענקשאַפֿט
ווערט ביסלעכווײַז אײַנגעשטילט.

דאָס האַרץ אין מיר ווערט גרינגער,
וואָס דריקט ווי אַ באַרג פֿון שטיין,
און שטילער אין קאָפּ דער גערודער,
און ווייכער מײַן שטום געוויין.

איך טראָג די מצבֿה אין ד׳אָרעמס,
איך טראָג זי געטרײַ אין געמיט.
געקומען אַ פֿויגל צו פֿליִען — —
און געבברענגט מיר חלום און ליד.

אין שטאָק טריבע שעהען

אין שטאָק טריבע שעהען
פֿירן מיר אום די קעפּ
ווי שווערע מעטאַלן
אויף אָרעמאַנסקע, סקריפּעדיקע טאַטשקעס
דורך ענגע געסלעך
פֿון טויבע ירידן
און פוסטע געמאַרקן.

די ציצית, נישט געירשעטע,
ציטערן אין אייביקן ווינט.
פֿון וויַטן וויגן ביימער פּחד זייערע קרוינען.
מיר דעקן זיך צו די אויגן,
ווי פֿרומע ייִדן צו שמע־ישׂראל,
און וואַרגן די טרערן.

משה־רבנוס באָרד

אַ תּימנער ייִד האָט מיר איין מאָל געוויזן וואָס כ'האָב נישט געוואוסט:
דאָס ערדניסל וואַקסט אין דער ערד — און נישט אויף קיין בוים, ווי אַ נוס.

כ'האָב געקענט אַ ביסל באָטאַניק, נאָר נאָכנישט געזען געהאָט
ווי ערדניסלעך וואַקסן אין דר'ערד, ווי בולבעס (און אָן אַ כּמעט).

כ'האָב ערגעץ אַרום רעננה געזען דעם תּימנער ייִד —
ר'איז געשטאַנען, געררייכערט אַ ליולקע, די זון האָט געברענט און געבריט —

און לעבן אים איז געשטאַנען זײַן אייזל, געקײַעט געשמאַק —
און נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון דער ערד, פֿון אַן אָפֿענעם זאַק.

און הינטער אים איז געלעגן אַ פֿעלד, אַ לאַנגס און אַ ברייטס,
און איבער די לאַנגע רייען געוויקסן אַ היץ האָט געפּלייצט.

כ'בין צוגעגאַנגען, אים וואַרעם באַגריסט און פּשוט געזאָגט:
„אויך פֿאַר בולבעס מוז גוט זײַן די נאַכט נאָך אַזאַ צעפּלאַקערטן טאָג".

האָט דער ייִד געענטפֿערט: „ס'איז ערשטנס נאָך ווײַט צו נאַכט, ס'איז
נאָך פֿרי —
און צווייטנס, חבֿיבֿי, איז דאָס נישט קיין בולבעס. ביסט נישט פֿון הי..."

„געררעכט. האָסט געטראָפֿן". — אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט — און פֿון
וואַנען איז ער?
געקומען שוין לאַנג על־כּנפֿי־נשרים פֿון תּימן אַהער.

„אויב דאָס איז קיין בולבעס נישט, אַדוני, וואָס זשע דען קען עס זײַן?" —
און איך קוק אים גלײַך אין די ליכטיקע ייִדישע אויגן אַרײַן.

(אַ ברודער האָט זיך מיר אַנטפּלעקט פֿון ווײַט, פֿון צווישן פֿײַנד —
צום ערשטן מאָל זע איך מײַן אייגענעם לײַבלעכן ברודער דאָ הײַנט.)

דער ייִד גיט אַ שמייכל און ווײַזט מיר צוויי רייען שאַפּענע ציין.
ער פֿאַרגראָבט די האַנט אין דער באָרד, דער געדיכטער, און לאָזט מיך שטיין.

לסוף, ס׳אַריבער עטלעכע רגעס, גיט ער אַ פֿרעג:
„האָסט געלערנט חומש אַ מאָל אין דער היים, אין די יונגע טעג?"

„פֿאַרשטייט זיך". „מיט רש״י?" „מיט רש״י". „נו, גוט — איך האָב אַ געדאַנק:
דו זאָג מיר וואָס יעקבֿ ט׳געשיקט קיין מצרים דעם איש אַ געשאַנק,

ווען ר׳האָט מורא געהאַט צו שיקן די קינדער אַ צווייט מאָל אַהין
מיטן ייִנגסטן און טײַערסטן פֿון זײַנע איבערגעבליבענע זין?

דו זאָג מיר, וואָס ר׳האָט אים געשיקט — מיר דאַכט זיך דו ווייסט —
און איך וועל דיר זאָגן באַלד, ווי אַזוי אָט די פֿלאַנצונג הייסט..."

איך האָב מיר גענומען קראַצן דעם שטערן: „מעט צרי —"
דעם תּימנער ייִד האָט דער אָנהייב פּסוק געגעבן אַ ברי...

„ומעט דבֿש, און נאָך עפּעס דאָרטן, און בטנים —" „אַהאָ!
טאָ זאָג מיר: די בטנים — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין פּרי אַזאָ?"

„איך ווייס נישט". „דו ווייסט נישט? נו, רש״י אַליין האָט עס אויך
נישט געוווסט" —
און ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט און זיך אַ ביסל פֿאַרהוסט —

„ער זאָגט: לא ידעתּי מה הם — ער שעמט זיך נישט מודה צו זײַן...
נאָר מיר ווייסן יאָ... אָט דאָס זענען בטנים — קוק גוט זיך אײַן —"

און ער האָט אַרויסגעריסן אַ פֿלאַנצונג און מיר זי געבראַכט:
„געדענק זשע: אָט דאָס זענען בטנים — קוק זיך גוט צו און באַטראַכט —".

כ׳האָב געזען, ווי די ניסעלעך הענגען אויף דיבינקע וואַרצלען אַזוי
ווי טרויבעלעך אויף אַ ווײַנשטאָקצווייג, אַ באַטריפֿטן מיט טוי;

און טייל — ווי די עופּעלעך, צוגעטוליעטע צו דער ברוסט...
אַז ערדניסלעך וואַקסן נישט אויף קייןביימלעך — האָב איך נישט געוווּסט.

(כ׳האָב געקוקט דעם תּימנער ייִד אין פּנים, אין ד׳אויגן אַרײַן —
און די ליפּן האָבן אים שטום געבעבעטשט: אַז געזונט זאָלסטו זײַן.

אַרומכאַפּן אים און אים קושן — האָב איך מיך עפּעס געשעמט,
דעם האַרציקן תּימנער ייִד, דעם לײַבלעכן ברודער אַט דעם.

וואָס כ׳האָב אים אַקאַרשט געפֿונען, נאָך קאַרגע צוויי טויזנט יאָר —
איך דערקען אים: ס׳איז אונדזערע אויגן, דאָס פּנים, די נאָז און די האָר.)

„האָסט הײַנט פֿון מיר עפּעס געלערנט — נו, איצט לערן דו עפּעס מיך —".
כ׳האָב אָפּגעריסן דאָס גרעסטע ניסל, געעפֿנט אויף גיך,

אים געוויזן משה־רבנוס באָרד — „אדוני, וואָס איז דאָס?"
ער האָט צוגעטראָגן דאָס האַלבע ניסל כּמעט צו דער נאָז,

געקוקט און געקוקט: „אַ ניסל, אַ האַלבס — וואָס דען קען עס זײַן?"
איך ווײַז אים דאָס בערדל, די בלעטלעך אין ניסל. ער קוקט זיך אײַן.

„די בלעטלעך, נו — פֿון דאָ קומט די נײַע פּלאַנצונג אַרויס —"
„ווי הייסן זיי, פֿרעג איך. צי זעט מען דאָ די בלעטעלעך בלויז?"

דער ייִד קוקט מיך אָן: „וואָס הייסט ווי זיי הייסן? נו, גיב מיר פֿאַרשטיין".
„מע זעט אין די בלעטעלעך משה־רבנוס באָרד — זעט אַליין..."

דער ייִד האָט געעפֿנט דאָס מויל און די אויגן: „צדקת — ס׳איז וואָר!
די בלעטעלעך ווײַזן — זע נאָר! — משה־רבנוס באָרד!"

אַ רגע איז געשטאַנען אַ שטילקייט צווישן אונדזביידן, נאָר באַלד
האָבן מיר זיך אַרומגעכאַפּט — און די שטילקייט האָט זיך צעשטראַלט.

דאָס אייזעלע האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי געזען אַ בײַט —
און אַלע דרײַ האָבן מיר זיך פֿאַרקוקט אין דער נאָענטער ווײַט...

פֿייגעלעך און שטערן

איך שרײַב אַ סך וועגן פֿייגעלעך,
ווײַל וועגן וואָס דען זאָל איך שרײַבן?
וועגן ריטערס מיט פּאַנצערס אויף גבֿורהשע פֿערד,
און זייערע גראָבע ווײַבער?

איך קום אַרויס פֿון אַן אָרעמער שטוב,
נאָר דער דלות איז פֿרידלעך און ציכטיק.
אַז די מאַמע דערציילט אַ מעשׂהלע,
ווערט אין אַלע ווינקעלעך ליכטיק.

און אויך וועגן שטערן שרײַב איך אַ סך —
וואָס קען נאָך זײַן שענער פֿון שטערן?
און פּיפּערנאָטערס האָב איך פֿײַנט —
איך וויל זיי נישט זען און נישט הערן.

איך קום אַרויס פֿון אַ שטילער שטוב,
ווו מע הערט נאָר דעם זשום פֿון פֿליגן.
נאָר אויך די פֿליגן בלײַבן שטיל,
אַז דער טאַטע פֿאַרציט אַ ניגון.

איך שרײַב וועגן שאַטנס, וואָלקנדלעך —
מיר ליגט עס שטאַרק אין זינען.
אויף די ירידן, ווו מע נאַרט,
וועל איך עס נישט געפֿינען.

איך קום אַרויס פֿון אַ ייִדישער שטוב,
מיט ייִדישע טישן און שאַפֿעס.
דעם טאַטנס ניגון, דער מאַמעס רייד
האָט, דאַכט זיך, גאָט באַשאַפֿן.

מענטשן גייען אום

מענטשן גייען אום און הערן נישט
דאָס געוויין פֿון דער ווערבע,
וואָס די טרערן אירע פֿאַלן אין דער אייביקער טיף,
אָן אַ קלאַנג.

און דאָס געציטער פֿון די בלעטער
זעען זיי נישט,
בשעת דער בוים האַלט איַין דעם אָטעם
אין אַ בליצשטורעם.

און דאָס געקלאָג פֿונעם שטיין
הערן זיי נישט,
וואָס שפּאַרט אַרויס דעם קאָפּ פֿון דער ערד
ביַים שיידוועג,
ווו מע זוכט די וויַיט.

און זיי הערן נישט דאָס געבליפּ פֿון דער שיינקייט,
וואָס ווערט פֿאַרשעמט
אין מיטן אויפֿגעבליטן וואַלד.

זיי זעען נישט,
זיי הערן נישט —
ווי זשע קענען זיי זען די שטערן,
און הערן זייערע בלאָע פֿידלען?

אַ קלאָרער וואָלקן

איך וויל מיך נישט באַהאַווענען דורך גראָבע ביכער.
איך וויל מיך נישט דערבושעווען צון עפּעס זיכערס.
איך וויל נישט קאָווען מײַנע ווערטער,
און דראַפּען זיך צו חשובֿערע ערטער.

אויף ריטשענדיקע רעלסן רײַסן זיך און רעווען באַנען.
כ׳האָב ליבערשט וואָלקנדלעך, וואָס זענען נישט פֿון דאַנען;
זיי נעמען מיך וווהין איך זאָל נישט וועלן —
אַז איך זאָל קענען גאָט און פֿרומע לײַט געפֿעלן.

איך שטיי אי שרעקעדיק, אי ווי פֿאַרשיכורט
און כ׳קוק אויף ווילדע, פֿלײַענדיקע בריקן — — —
מיך שוידערט פֿון אַ זעעניש: דאָס מאַכט מען חרובֿ וועלטן.
ווער מען אויך מיך ביז לעצטן דור פֿאַרשעלטן?

איך בלאָנקע אין אַ שטאָט, וואָס זי איז פֿול עשירות.
מע וויל מיר עפֿענען די רײַכסטע טירן.
מע מאָנט אַפֿילו נישט קיין הויכע פּרײַזן —
נאָר בלויז דאָס האַרץ. (ווי וועל איך מיך פֿאַר טאַטע־מאַמע ווײַזן?)

די שבֿע חכמות האָבן זיך אַנטבלויזט ווי זונות.
כ׳האָב ליבערשט אין פֿאַרבאָרגענישן וווינען.
מיך גרייכט אַן אָפּהילך קוים פֿון טומלענישן דולע
אין ביסל שטילקייט מײַנעם און אין אירע גבֿולן.

ווי קענען לאָקערן פּאַלאַצן,
וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט רויב אַזש ביז צום פּלאַצן.
מיך ציִען ווײַטע אינדזלען און מיט שטילע בלאָע היילן —
זיי האָבן טויזנט וווּנדערס צו דערציילן.

קיין ריגל הענגט נישט דאָרטן אויף די טויערטירן;
מע דאַרף זיי מיטן שטילסטן וואָרט באַרירן —
צעעפענען זיי זיך ווי אָרעמס גוטע,
און שטילן אײַן די ביטערסטע מינוטן.

דאָס שטילסטע וואָרט, אָט דאָס, וועל איך אַ מאָל געפינען.
סע רירט זיך שוין אין מיר, ווי גראָזן אין באַגינען,
וואָס פּילן אין די ווינטלעך פּאַזע וועגן
דעם קומענדיקן ברכהדיקן רעגן.

אַ קלאָרער וואָלקן שוועבט — ס'איז גוט אים נאָכצוקוקן.
מײַן האַרץ פאַרנייגט זיך טיף, ווי זיך צו בוקן.
ער איז ביז איבער מײַן צוקאָפּנס צוגעפלויגן —
כ'האָב אין אים אָפּגערוט די מידע אויגן...

איך וואָלט וועלן פאַרמאָגן אַ ברונעם

איך וואָלט וועלן פאַרמאָגן אַ ברונעם,
ערגעץ ווײַט, נאָר לעבן אַ שליאַך, —
און לעבן ברונעם — אַ שטיבל
מיט אַ שטילן שטרויענעם דאַך.

און אַרום דעם שטיבל — אַ פּאַרקן,
און איבערן טירל — אַ שילד:
פֿאַראַן דאָ אַ ברונעם מיט וואַסער —
קומט אַרײַן און טרינקט, ווער סע וויל.

און שטעלט זיך אָפּ אַ וואַנדראָווניק,
פֿאַרבעט איך אים פֿרום אַרײַן:
קום, זײַ מײַן גאַסט בײַם ברונעם,
געבענטשט זאָלסטו מיר זײַן.

כ׳האָב מער נישט ווי ברונעם־וואַסער —
און מײַן איינציקע דאגה איז בלויז,
אַז דאָס וואַסער זאָל קומען געזילבערט
און קלאָר פֿון דער טיף אַרויס.

רו אָפּ די פֿיס, די מידע,
וואַנדראָווניק גוטער דו,
און לאָב דיך מיטן וואַסער
פֿון מײַן ברונעם, און מיט זײַן רו.

ס׳איז נישט קיין וווּנדערלעך וואַסער —
ווי קען עס געמאָלט דען זײַן?
די ערד איז פֿול מיט סמען,
און זיי ציקען אין ברונעם אַרײַן.

און דער דרויסן איז פֿול מיט כמאַרעס,
וואָס שיפּען ווי נאַטערקעפּ.
אין ברונעם ציטערט דאָס וואַסער
ווי׳ן אַ הילך פֿון דונערקלעפּ.

נעם אַראָפּ פֿון דער פּלייצע די סאַקווע,
און טו אויס די צעשפּרונגענע שיך,
און פֿאַרגעס אויף אַ רגע דײַן וואָגל,
דײַן מאַטער — און קום צו זיך.

וואָס ברענגסטו מיר, וואַנדראַוניק —
אוי, זאָג עס מיר קלאָר, נישט פֿאַרשטעלט —
דו קומסט דאָך פֿון ווײַטע וועגן:
וואָס הערט זיך דאָרט גוטס אויף דער וועלט?

מײַנע טעג פֿאַרגייען אין פּחד,
און אַן אימה פֿאַרטייבט מײַנע נעכט:
אויפֿן ברונעם קלויבט זיך אַ בורע —
ווי פֿאַרהיט מען אים פֿון שלעכטס?

צום ברונעם שלײַכן זיך שאַטנס
מיט שוואַרצע מחשבֿות ווי העק.
איך טרײַב זיי מיט געשרייען
און מיט הייסע השבעות אַוועק.

איך צי אַרום ברונעם אַן עיגול:
זאָל דאָ האָבן די שליטה נאָר גוטס.
איך היט אים אין חלום מיט אַנגסטן,
און איך שפּײַז אים בײַ טאָג מיט מײַן בלוט.

דער קלענסטער בין איך שבקלענסטע —
כ'בין אפֿשר קיין חסד נישט ווערט —
באַהיט, גאָט, אין בורע מײַן ברונעם,
און אַרום דעם ברונעם די ערד.

און אויב איך קום אום אין דער בורע —
אויפֿן פֿאַרקן זאָל בלײַבן די שילד:
פֿאַראַן דאָ אַ ברונעם מיט וואַסער —
קומט אַרײַן און טרינקט, ווער סע וויל.

איך צעוואַרף מײַנע לידער אויף הפֿקר

איך צעוואַרף מײַנע לידער אויף הפֿקר,
אַזוי ווי פֿאַלאָווע אין ווינט;
ווער סע וויל, מעג קומען זיי נעמען —
איך מאָן נישט דערפֿאַר קיין מינץ.

זיי זענען סײַ ווי נישט מײַנע,
זיי קומען — ווער ווייסט פֿון וווּ.
זיי קומען ווי דורך חלומות,
און נעמען דעם שלאָף מיר צו.

דעם שלאָף — וואָלט געווען צו דערלײַדן;
איך דרימל בשעת איך שרײַב.
מע קען צו מאָל נישט רעדן
קיין וואָרט צום קינד, צום ווײַב.

מע קען צו מאָל נישט כאַפּן
קיין שמועס מיט אַן אייגענעם פֿרײַנד.
גיי זאָג דעם ליד: מוזסט וואַרטן —
איך שרײַב נישט קיין לידער הײַנט.

דאָס ליד איז אַ גוטע מכשפֿה,
וואָס זויגט דיר אויס דאָס בלוט —
נאָר דו פֿילסט דערבײַ אַ זיסקייט,
און ס'איז דיר נאָך בעסער ווי גוט.

נאָר נאָך די פּאָר קורצע רגעס
— דער פֿלירט געדויערט נישט לאַנג —
ווערט ביטער אין מויל פּאָר אומעט,
און סע באַשלאָגט די אַנגסט.

מיט וואָס פֿאַרפֿטר איך יאָרן?
דאָס ליד וויל נישט וויסן דערפֿון —
דו טאָרסט נישט האָבן מער קיינעם,
מיך אַליין נאָר אונטער דער זון.

מע טײַטלט אויף מיר מיט די פֿינגער:
ר'איז געוואָרן אין דר'ערד ווי אַ באַרג.
פֿון זינט ער פּאַטשקעט לידער,
איז די גאַנצע וועלט אים קאַרג —

ער ווײַזט זיך קוים צווישן מענטשן —
ווי קען ער? ווי האָט ער גאָר צײַט?
פֿון זינט ער דרייט מיט דער פּענע,
איז פֿון אים געוואָרן אַ לײַט.

אַזוי אַן ערך רעדט מען,
כ'האָב גאָרנישט אויסגעטראַכט.
די שיינע לידער־מוזע
ט'מיך גראָ און אַלט געמאַכט.

איך צעוואָרף מײַנע לידער אויף הפקר —
זאָל זיי נעמען ווער סע וויל,
אַבי אויף דער גאַס פֿאַר מײַן פֿענצטער
דער טומל זאָל ווערן שטיל.

און אויב ס׳וועט זיי קיינער נישט נעמען,
בין איך גרייט זיי צו וואַרפֿן אין פֿלאַם —
ווי אַ קרבן צון עפּעס אַ געטשקע,
וואָס שפּײַזט מיך מיט האָניק און סם.

באַנאַלע שורות

איך האָב צעשפּרייט די הענט,
אַזוי ווי אַ פֿויגל די פֿליגל,
אַ טיפֿן אָטעם געטאָן —
און אויפֿגעזונגען אַ ניגון.

זיך אַוועקגעלאָזט אין דער הייך,
געמיינט, כ׳בין אַן אמתער פֿויגל —
נאָר אָבער אַ שטיין אין האַרץ
האָט מיך אַראָפּגעצויגן.

אַ שטיין אין האַרץ טוט ווײ,
ווער שמועסט אַ האַרץ מיט שטיינער.
נאָר קיינער זעט עס נישט,
און ס׳גלייבט עס אויך נישט קיינער.

געמיינט אויף אַ ווײַל, כ׳בין אַוועק
פֿון דער ערד און אירע ברודן —
דאָס האַרץ אָבער ציט מיך אַראָפּ,
אַזוי ווי זיבן פּודן.

ס׳איז געווען צווישן טאָג און נאַכט,
אין דער ווײַט האָט מאָדנע געציטערט;
ס׳האָט געבליצט ערגעץ ווייס איך ווו,
נאָר איך האָב דערפֿילט: ס׳איז מיר ביטער.

בײַם ברעג פֿון אַ ליכטיקן טאָג
האָט געטראָפֿן וואָס ס׳האָט געטראָפֿן.
מ׳איז פֿון אַ האַלבער שטאָט
אויף מײַן בייז־ווונדער געלאָפֿן.

בין איך צוגעפֿאַלן צום טיש,
וואָס זעט מיך שרײַבן לידער —
נאָר כ׳קען מער נישט האַלטן קיין פּען
אין מײַן שוואַכער האַנט, דער מידער.

האָב איך אויסגעלאָזט דעם כּעס
צום לאָמפּ, וואָס איז מיר טײַער —
און אים איבערגעקערט אויפֿן טיש —
אַז אַלץ זאָל אַוועק מיטן פֿײַער...

די באַלאַדע פֿונעם משׂכּיל בערל סופֿרין *)

די שטאָט איז פּיאַטראַ, מאָלדעווע;
ס׳איז אַכצן פֿיר און אַכציק.
...איז ער שוין דאָ צוריק אין שטאָט —
צי האָט זיך אים געדאַכט נאָר?

דער וועג קיין לאָנדאָן ציט זיך לאַנג,
צוריק איז ער שוין קירצער.
אָט איז עס שוין, זײַן געסעלע.
ס׳איז פּרײַטיק. רויק. געווירצן.

וואָס טוט די מאַמע גראָד אַצינד?
נאָך עטלעכע מינוטן,
וועט ער זי האַלדזן, האַרציקן —
ס׳זאָל אַלץ אַדורך צו גוטן...

ווער ווייסט, וואָס זי וועט זאָגן באַלד,
צי וועט זי אים דערקענען — — —
ווו איז דײַן בערדל, בערעניו,
די פּאהלעך ווו זענען?...

---

*) בערל סופֿרין — משׂכּיל אין רומעניע, 1897—1855.

דאָס קורצע רעקל זע נאָר, זע,
די געלע האַלבע שיכלעך — — —
נו, עט — מסתמא שטייט אַזוי
אין דײַנע שײנע ביכלעך...

— — — — — —

ער האָט פֿאַרלאָזט דאָס מוטערהויז —
חלילה נישט אויף אימער — — —
פֿון אַלע יידענעס אין שטאָט —
די מאַמע איז נאָך פֿרימער.

פֿון זיי האָט ער געקירצטע יאָר —
מע שרײַט אים נאָך: „משומד!"
די מאַמע וויינט: „פֿאַר וועלכע זינד
איז מיר אַזוינס געקומען?

רעדסט אָן די וועלט צו זינד, צו שמד —
דו מיינסט, אַז מ'עט דיר שענקען?
דאָס גיהנום שטייט שוין אָנגעגרייט,
און אַלץ וועט מען גערענקען.

און בעטלעך פֿול מיט שטעכלינקעס
און ברענענדיקע קוילן,
און פֿײַערדיקע שלאַנגענקעפּ,
וואָס רײַסן בײַ די זוילן.

און קאָכעדיקע טײַכן פּעך,
און קייטן אויף צו וואַרגן —
מע צאָלט דאָרט אָפּ פֿאַר אַלע זינד,
מע טוט נישט קיינעם קאַרגן..."

זי שלאָפֿט נישט, הערט ער, דורך די נעכט,
אַ שטיין אַזש קען עס רירן.
ער מוז אַוועק אַ שטיקל צײַט.
ער פֿילט — ער'ט דאָ קרעפּירן.

„אַוועק די עטלעכענע יאָר
אין וואָגל, מיטן פּעקל.
און אַט בין איך שוין דאָ צוריק —
במקלי, מיט מײַן שטעקן.

ס'איז אַלץ בײַם אַלטן, זע איך וווּל.
ס'האָט גאָרנישט זיך געביטן.
די זעלבע עם־הארצותן,
די זעלבע גראָבע זיטן.

מע אַרבעט ערלעך און מ'איז פֿרום —
וואָס קען גאָר זײַן נאָך בעסער?
די פֿינסטערניש איז אָבער גרויס,
דאָס ליכט ליגט הינטער שלעסער.

דער חדר איז פֿאַר זיי גענוג,
דאָס חומש מיט דער רשי.
די דעה האָט דער פּוסטאָקראַט
מיט קליינגערס אין די טאַשן.

עוראָפּאַ האָט שוין אויפֿגעוואַכט,
מ'האָט אויפֿגעפּראַלט די טירן —
דאָ שטעקט מען ביז דער נאָז אין זומפּ
און ס'וויל זיך גאָרנישט רירן".

ער שפּאַנט — און בילדער שווימען אויף — — —
די מאַמע פּלעג דערציילן —
און שכנות זענען תּמיד דאָ
צו הערן און זיך טיילן...

...אַ שוועסטערל, נאָך בײַ דער ברוסט,
אַ קעפּעלע אַן הערלעך —
האָט שוין געטראָגן — „ווי ס׳איז רעכט״ —
אַ שײַטעלע, אַן ערלעכס.

„אַ שײַטעלע, מײַן מיידעלע,
איז אי ס׳איז שיין, אי צניעות —
אַ שיינער חתן וועט דערפאַר
צו דיר פון ווײַטן ציִען״.

און ער אַליין, נאָך אין דער וויג —
— די מאַמע זאָגט דען ליגן? —
ער טראָגט שוין פרום אַ יאַרמלקע
מיט פּאהלעך, ווי פליגל...

די מאַמע האָט אים אויסגענייט
די יאַרמלקע מיט פּאות —
געקושט דעם סאַמעט און די זײַד
און שטיל געוויינט בײַם נייען...

„מײַן ייִנגעלע, מײַן צדיקל, —
אַפילו נאָך אין וויגל
זאָלסטו נישט גיין בגילוי־ראָש,
נאָר יידיש זאָלסטו ליגן.

בגילוי־ראָש גייט אום אַ גוי,
וואָס האָט פֿאַר גאָט קיין מורא.
מײַן עופּעלע, מײַן צדיקל,
וועט מערטשעם לערנען תּורה.

אַ גוי עסט אויף אַ לאָבן ברויט
מיט חזיר און מיט פּוטער.
מײַן עופּעלע האָט פּאהלעך —
אַז ווויל איז מיר, זײַן מוטער".

און פֿאַרן זייגן פּלעג זי הויך
פֿאַר אים אַ ברכה מאַכן.
די שכנות האָבן עס געהערט,
און קיינע פּלעג נישט לאַכן — — — —

אַ מאָל האָט ער אַ זאָג געטון,
מכּלומרשט אויף קאַטאָוועס:
„דער חתן טוט אַ קיטל אָן
און טראַכט פֿון יום־המוות...

און איר, דער כּלה, שנײַדט מען אָפּ
די שיינע מיידלצאָפּן.
פֿאַר וואָס נישט אים די אויערן
און מיט דער נאָז פֿאַרבראָקן?"

האָט אים די מאַמע באַלד דערלאַנגט:
„ביסט שוין צו ווײַט פֿאַרקראָכן" —
און האָט אויף אים די קאַטשערע
אויף צווייען אַזש צעבראָכן.

„די ביכלעך לערנען דיך אַזוי,
אַט די פֿאַרשיווע סריכלעך?!
זיי פֿאַרפֿאַסקודיען מיר די שטוב —
אַרויס מיט זיי, וואָס גיכער!"

שוין וויפֿל יאָרן דאָ דערין,
נאָר ס'ליגט נאָך גוט אין זינען.
איז ער אַוועק קיין בוקאַרעסט
אַ ביסל רו געפֿינען.

פֿון דאָרטן — אין דער ווײַטער וועלט,
בערלין, פּאַריז און לאָנדאָן.
„מײַן פֿאָלק אַ לערער וויל איך זײַן —
ס'איז אַלץ אין מיר געוואָנדן — — —

און אין די רענצלעך וואָס סע ליגט?
אַ דאַנק דיר, גאָט דו גרויסער!
איך האָב געהונגערט יאָרן פֿיר,
און אײַנגעקויפֿט אַן אוצר.

אויף לשון־קודש און אויף דויטש,
אויף ענגליש און פֿראַנצייזיש —
כ'על עפֿענען אַ שול, אַ קלוב —
מיט גוטן, נישט מיט בייזן — — —

מע זיצט אין קרעטשמע אויף דער נאַכט —
מ'איז פֿריילעך, בגילופֿין;
סע גלוסט זיך נישט צו גיין אַהיים —
אַ קינד דאַרף קומען רופֿן — — —

מע זיצט, מע חכמהט זיך, מע זינגט,
און יעדער איז אַ גיבור —
מע וואַרפֿט די קוטשמעס צו דער ערד,
אַז ד'אויגן גייען איבער...

דער בעל־מלאכה זיצט און טרינקט —
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ תּכלית?
ר'איז מיד, ער האָט קיין כּוח נישט
פֿון עפּעס העכערס טראַכטן — — — —

‚חנוך לנער' הייסט די שול — — — —
דער קלוב — מסתּם ‚קולטורא' —
ס'זאָל אָפּגיין גלאַטיק, גאָטעניו,
ס'זאָל אָפּגיין אָן אַ בורע...

די פֿאַר תּקיפֿימלעך אין שטאָט,
כ'על מיר אָן עצה געבן? —
זיי קענען מיר דערגיין די יאָר,
פֿאַרקירצן מיר דאָס לעבן — — — —

מ'עט קומען לערנען וויסנשאַפֿט,
מ'עט זיצן און זיך בילדן —
מ'עט זיך באַפֿרײַען ביסלעכווײַז
פֿון זאַבאַבאָנעס ווילדע — — — —

ס'אַ חרפּה פּשוט פֿאַר דער וועלט:
מיר, פֿאָלק פֿון די פּראָפֿעטן —
מיר האָבן אוצרות גײַסטיקע,
און לעבן ווי די בעטלערס..."

— — — — — —

געלויבט איז גאָט — ר׳איז דאָ צוריק
דאָס שטיבל שטייט און וואַרט שוין — — — —
ס׳איז פּרײַטיק... וואָס די מאַמע טוט?
זי רײַט שוין אויפֿן פּאַרטעך...

די מאַמע האָט אים אויסגעקושט
און זיך געווישט די אויגן:
„אַבי דו ביסט שוין אין דער היים.
גענוג אַרומגעפֿלויגן...

וועסט דיך אָשאָזען, תּשובה טון,
וועסט קומען צון אַ מעמד — — — —"
און בערל קוקט אויף איר און טראַכט:
אַ מאַמע בלײַבט אַ מאַמע...

— — — — — —

און אַז ער איז אַרויס אין גאַס
זיך זען מיט פֿרײַנד, ידידים —
האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין:
„ס׳איז גוט צו זײַן מיט ייִדן.

איך האָב דיך ליב, מײַן אָרעם פֿאָלק,
און דײַנע רייד צו הערן.
מע דאַרף דיך נאָר, מע מוז דיך נאָר
אַ ביסל אונטערלערנען.

איך האָב דיך ליב, מײַן ייִדיש פֿאָלק,
אויך מיט די גראָבע זײַטן —
איך וויל דאָך נאָר דײַן טובֿה בלויז,
מײַן פֿאָלק, מײַן אָנגעליטנס.

איך האָב געטאַסקעט פֿון דער וויַט
פֿיר רענצלעך תּרופֿה־שטיינער —
מע דאַרף דיך היילן פֿון דער פּלאָג,
וואָס ליגט דיר אין די ביינער.

מײַן פֿאָלק, מײַן אָרעמס, כ׳האָב דיך ליב
מיט אַלע דײַנע מומען.
כ׳בין צוליב דיר אַוועק פֿון דיר,
און צוליב דיר געקומען״.

ער גייט — ער פֿליט — די דאַרע פֿיס
באַדאַרפֿן אים נישט טראָגן —
דער קאָפּ איז פֿול מיט פֿייגעלעך
און פּרעכטיקע השגות...

— — — — — —

ס׳איז פֿרײַטיק און ס׳איז זומערדיק —
דער הימל איז צעשפּראַליעט.
די אויוונס גליִען, גיבן היץ —
מ׳האָט שוין גענומען חלה...

די מאַמע איז אַליין אין קיך,
זי איז פֿאַריאָגט, צעפּאַדעט.
דער אויוון, דאַכט זיך, ברענט ניט־שלעכט —
וואָס פּלוצעם נעמט ער טשאַדען?

זי טראַכט אַלץ פֿונעם גרויסן גאַסט,
וואָס גאָט האָט הײַנט באַשערט איר —
אוי, גרויסער גאָט, ווי דאַנקט מען דיר?
איך האָב גאָר נישט קיין ווערטער.

זי גיט אַ קוק צום אויוונפֿלאַם,
און גלייבט נישט אירע אויגן —
אַ פֿלעדערמויז איז, דאַכט זיך איר,
פֿון דאָרט אַרויסגעפֿלויגן...

זי שפּײַט אויס דרײַ מאָל: טפֿו־טפֿו־טפֿו!
זי כאַפּט זיך אָן בײַם האַרצן — — —
מײַן זון וועט ווערן גוט און פֿרום —
מײַן פּנים נישט פֿאַרשוואַרצן...

און ווי זי גיט אַ דריי דעם קאָפּ —
דערזעט זי: אויף די רענצלעך
צעפֿלאַטערט זיך די פֿלעדערמויז,
ווי זי זאָל גיין אַ טענצל.

זי הייבט אויף איר די קאַטשערע —
אַנטרינט זי און פֿאַרשווינדט זי;
און עפֿנט זי די רענצלעך פֿיר —
ווערט וויסט איר און ווערט פֿינצטער.

די שווערע רענצלעך ווערן גרינג —
זי וואַרפֿט זיי אין די שטײַטן:
„אַז די כּפּרה זאָלט איר זײַן —
איר זאָלט מײַן זון פֿאַרבײַטן.

אין גיהנום זאָלן זינקען טיף
און בראָטן זיך און ברענען
די וויסטע שׂונאים אונדזערע,
וואָס ווילן גאָט נישט קענען.

מײַן זון װעט אָבער זײַן אַ ייִד
צו גאָט און אויך צו לײַטן,
און מײַנע צרות און מײַן לייד
אויף פֿריידן איבערבײַטן".

די פֿלאַמען האָבן אַלץ פֿאַרצערט
און האָבן אַלץ באַהאַלטן..
"מײַן זון װעט מיר פֿאַרנחתן
די יאָרן מײַנע אַלטע — — — —"

— — — — — —

ער איז צוריק געװען אין שטוב
נאָך האַלבן טאָג. ס'איז פֿרײַטיק.
די מאַמע שטייט אַ שטראַליקע,
פֿאַרקוקט אין װײַטע װײַטן...

האָט ער זיך אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ,
און נאָר געזאָגט: "אוי, מאַמע,
איך האָב פֿאַרשפּילט מײַן יונגע װעלט —
אַזוי באַשערט, מסתּמא..."

און צו די צװיי און פֿערציק יאָר,
אין אַכצן זיבן און נײַנציק,
איז ער אַװעק פֿון אונדזער װעלט —
אַ מידער, אַ פֿאַרפּײַנטער...

צו ראַבאָיס יאָרצײַט

צו דיר האָט גאָט געשיקט דעם מלאך,
וואָס ער שלעפּערט אײַן
דאָס פֿערד,
די קו,
די שטומע צונג —
אַז ס׳קומט די שעה פֿון טויט.
איז ער געקומען,
דיר אַ גלעט געטון די הויט —
אַזוי ווי דו האָסט ליב געהאַט
די פֿעל, די וואַרעמע, די זײַדענע
בײַם פֿערד,
צי בײַ דער קו,
אַ גלעט טון.

נישט קיין שקלאַף —
אַ ברודער איז זי דיר געווען, די שטומע צונג.
און דו האָסט נישט געקענט דערפֿאַר
דאָס גיכע, שטאָטישע געפּלאַפּל
פֿון דער חיה מענטש.

דײַן לשון איז געווען געטרײַ
ווי גוטע ערד;
און ריין און שיין
ווי אויגן פֿון אַ קו אויף פּאַשע,
און פֿון פֿערד, וואָס חלומען פֿאַר נאַכט
בײַם פּלויט
און טוליען זיך די העלדזער איינס צו איינס.
האָסט נאָר גערעדט אַ וואָרט פֿון צען,
דאָס איבעריקע האָסטו אויסגעשוויגן
און זשעסטיקולירט,
דערעיקרשט מיט די ליפּן און דעם פּנים,
ווי פֿון ערד געקנאָטן.

ווי אַ פֿערד גאַנץ פֿרי דעם אַקער,
פֿונעם טיפֿן טאָל צום האָריזאָנט,
אין גלײַכע, שמעקעדיקע שורות —
אָט אַזוי האָסטו געפֿירט דײַן פּען.
און ווי די ערד גיט ערלעך ברויט,
אַזוי דײַן פּראָזע — פֿולע און געשמאַקע ליריק.

אויך צו דיר האָט גאָט געשיקט
דעם מלאך, וואָס ער שלעפּערט אײַן
דאָס פֿערד,
די קו,
די שטומע צונג —
איז ער געקומען,
דיר אַ גלעט געטון די הויט —
אין טאָג פֿון טויט —
און דיר געברענגט די רו.

ווי פֿון אַ הויכער בינע אַראָפּ

מע רעדט שוין היינט דורך הילכערס איינס צום צווייטן.
מע קען דען פּיסקעווען — פּלאַטאָניש, צערטלעך?
איך טרובע אויכעט, ווי מיט אַ טרומייטער —
מע דאַרף דען ווי די פּערל ציליען ווערטער?

איך רעד אַראָפּ ווי פֿון אַ הויכער בינע.
טראַ־טאַ! איך רעד אַן אָנגעבלאָזן לשון.
בשעת־מעשׂה מאַך איך אַלץ אַ פֿרומע מינע.
מ׳איז מיט רשעים — ווערט מען אויך אַ רשע.

אַ מענטש — דער איינציקער מדַבר בין איך,
דער איינציקער בעל־חי — אַ ווערטער־שפּינער.
נאָר וויפֿל רישעות טו איך מיט דער שפּראַך נישט!
אַ שפּראַך דערפֿאַר האָט קיינער נאָך פֿאַרטראַכט נישט.

איך בין געפֿאַלן, כ׳שלאָף צו מאָל קיין נעכט נישט —
כ׳בין ווערט דעם שטעקן, גוטער גאָט, גערעכטער.

דוד און מיכַל

„דערלאַנג מיר, מיכל, זיי אַזוי גוט,
פּאַפּיר אַ ווייסן בויגן —
קום אַהער, גיב אַ קוק, ווי פֿון יענער זייט באַרג
קומט צו פֿליִען אַ ליכטיקער פֿויגל״.

מיכל קוקט דורכן פֿענצטער אַרויס,
און זעט נישט קיין פֿויגל, דעם באַרג זעט זי בלויז.

„די געגנדזענע פֿעדער זוך מיר אויס,
און די גאָלעשטינט, די פֿרישע, —
דער פֿויגל, זע, פֿליט גלײַך צון אונדז,
און וויל זיך מיט קיינעם נישט מישן״.

מיכל גיט אים אַלץ וואָס ער וויל,
נאָר זי רעדט נישט קיין וואָרט און איז שטילער פֿון שטיל.

„איך בעט אויך בײַ דיר אַ גלעזל טיי,
מײַן ליב, קאַפּריזנע ווײַבל.
איך פֿיל, אַז איך דאַרף מיך מתיחד זײַן —
אַ קאַפּיטל תּהילים צו שרײַבן.

מיכל שטייט מיט דער פּלייצע צום טיש —
קיין תּהילים־לידער לייענט זי נישט.

„איך פֿיל, ווי שטילקייט וויקלט מיך אײַן,
ווי סע נידערט אויף מיר די שכינה.
אַ פּראַקטיקער פּסוק שווימט אין מיר אום —
איך וועל אים באַלד געפֿינען״.

מיכל גייט פֿון דער שטוב אַרויס —
די פּריזבע איז וואַרעם, דער דרויסן איז גרויס.

ער ציקלט אויס דאָס ערשטע וואָרט:
לדוד — ס׳איז קלאָר און געלײַטערט.
ער פֿילט, אַז מע׳ט זינגען זײַן תּהילים־ליד
ביז העט אין די דורות ווײַטע.

מיכל זיצט מיט שכנות דרײַ —
מע רעדט פֿון די מאַגנען שטיל און געטרײַ.

אָוונט בײַם טײַך

דער הימל איז אַרײַן אין טײַך —
מע דאַרף אים ווײַט נישט זוכן.
נאָך אַלע וואָגלענישן קומט
די שטילקייט — קען זיך דוכטן.

די דוכטעניש איז אויכעט וואָר,
דער חלום האָט אַן אמת.
די שטערן זינגען דורך די נעכט —
מע דאַרף עס נאָר פֿאַרנעמען.

דאָס פֿעלד אַרום איז ווי אַ רויז,
אין מידקייט — די פּעטאַלן;
ס'איז קעגן נאַכט — פֿאַרשטייען זיי
אין טײַך אַרײַנצופֿאַלן.

די שטילקייט גיט אַ לײַכטן קלונג —
דער קלונג איז ווו פֿאַרפֿלויגן.
באַהאַלט מײַן פּנים — לאָמיך זען
דעם חלומס בלאָע אויגן.

ווי וויקלט מען צונויף דאָס האַרץ

ווי וויקלט מען צונויף דאָס האַרץ,
מע זאָל נישט זען דערין די פּסולדיקע שורות?
כ'האָב מײַנע ליפּן אויסגעלערנט רעדן שטיל,
און נישט צו מיניען זיך — מײַן צורה —

אַז טײַטלען זאָל מען, אַז איך גיי פֿאַרבײַ:
„אָט גייט דער מינדסטער און דער שטילסטער —"
די ביטערנישן לאָז איך אויס צום אייגן לײַב,
בײַ מיר אין אַלקער, אין אַ ווינקל פֿינצטער.

איך פֿאַל אַוועק —
ווי פֿון אַ בליץ פֿאַרשניטן.
כ'נעם מיט אין דרימל, אין מײַן ביסל רו,
די גאַסנשלאַנג, וואָס האָט מיך נישט געמיטן.

דאָס האַרץ אַליין — ווי לערנט מען עס אויס,
ס'זאָל גיין אין שפּאַן, נישט וואַרפֿן מיט קיין שטיינער — ?
נישטאָ אַזאַ למדנות אויף דער וועלט.
נישטאָ בײַ קיינעם.

בײַ אַלע זנאַכערס בין איך אויסגעוועזן,
נאָר קיינער ט'נישט געהאַט פֿאַר מיר קיין עצה;
די ווערטערשטראָמען יאָגן מיר נאָר נאָך,
און וועלן מיך פֿאַרפֿלייצן.

די ווערטער לאָזן זיך בײַ זיי ווי פֿון אַ זאַק —
און אַלע רײַבן זיי דערבײַ די הויכע שטערנס:
„אַ האַרץ... אַ האַרץ ווי וויקלט מען צונויף,
ס'זאָל קיינער זײַנע פּסולדיקע רייד נישט הערן?"

זיי שווערן זיך מיט כּל־השבֿועות, וואָס ס'איז דאָ,
אַז אַלצדינג ווייסן זיי, אַחוץ דאָס איינע.
מיר ווילט זיך לאַכן פֿון אַזאַ באַרימערײַ,
מיר ווילט זיך וויינען.

כ'האָב אויסגעלערנט מײַנע ליפּן רעדן שטיל,
אַ זיפֿץ נאָר זאָל מען קענען קוים פֿאַרנעמען.
נאָר כ'קען נישט האַמעווען דאָס האַרץ, דאָס ווילדע פֿערד,
ס'זאָל גיין אין שפּאַן, להכעיס אַלע קלעמען.

אין מײַן פֿאַרשמאַכטקייט

די שטאָט איז, כ'זאָל נישט זינדיקן, אַ פּיאַרנע.
זי פֿאַרמאָראַטשעט מיך, זי מאַכט מיך דול.
קיין אַנגסטן מײַדן מיך נישט אויס, קיין צער נישט —
בײַ נאַכט איז כאַטש דער הימל שטערן־פֿול.

דער קאָפּ, וואָס טויבע מיד האָט אים פֿאַרוויקלט,
פֿאַרפֿליט, ווי פֿון אַן עיפּוש, פֿון דער ערד.
דער היכל שטערן איז זײַן מקום־מיקלט —
ס'אַ זכיה, ווייס איך, וואָס איך בין נישט ווערט.

פֿאַר וועלכע צידקותן — מיר ווילט זיך פֿרעגן —
בין איך דאָרט אָנגעלייגט, מע קוקט מיך אויס?
מיר שטייען אָפֿן אַלע מילעכוועגן,
אַז איך געגען געגייגט צום שטערנהויז.

איך האָב דאָרט שטערנקי אין טיפֿע לאָנקעס,
און שטערנדלעך ווי קעלבלעך, ווײַט און ברייט,
און קיינס וועט נישט אַראָפּ פֿון וועג, פֿאַרבלאָנקען —
אין יעדער לאָנקע שטיל אַ טײַכל גייט.

די טײַכלעך קומען פֿון די אײַטערקוואַלן,
וואָס קוואַלן ליכטיקע און אייביק בלוי.
איך שעם מיך נישט אין וואָגל צוצופֿאַלן
צום וואַרעמען געטראַנק פֿון שטערנטוי.

און קיינער שרעקט זיך נישט און מ׳איז מיך גערן —
כ׳גיי צו צו יעדן קעלבל, יעדער קו.
כ׳אָנטרין אין מײַן פֿאַרשמאַכטקייט צו די שטערן,
און כ׳בעט זיי גאָרנישט, נאָר אַ רגע רו.

די שטערן נאַרן נישט — ניין, נישט די שטערן —
זיי קוקן גוטע אין מײַן שויב אַרײַן.
מיר נעמט אין מײַן פֿאַרשמאַכטקייט גרינגער ווערן
פֿון זייער שטילער, איידלדיקער שײַן.

צי לויף איך, צי אַנטלויף איך דען מיט גזילה?
חלילה איז מײַן האַנט אין בלוט געטונקט?
אויף ווײַטע אינדזלען וואַרטן בלאָע היילן —
די שטילקייט דאָרטן האָט דעם דינסטן קלונג.

אַזאַ געזאַנג האָט קיינער נישט פֿאַרנומען,
נאָר סײַדנס אין אַ ווײַטער חלום־שעה.
מ׳איז ווי אין ווײַטסטע לענדער אָנגעקומען —
מע ווייסט אַזש נישט אַליין, אַז מ׳איז שוין דאָ...

אויך איך ווער דאָרט אַ פֿינטל פֿון אַ שטערן,
אַ שטילער צאַפּל פֿון אַ ווײַטן קלאַנג;
מע קען אים קוים דערזען און קוים דערהערן,
נאָר ער איז דאָ אין יעדן שטערנגאַנג...

אַ ביטער ליד

דעם אייבערשטן קומט אַ דאַנק און אַ לויב,
וואָס ער האָט אונדז באַשאַפֿן שוין בלינד און שוין טויב,
און מיט אַ האַרץ, וואָס איז האַרט ווי אַזאַ מין שטיין,
וואָס מע דאַרף אים ערשט געפֿינען —
קענען מיר דערפֿאַר זיך צוקוקן צו דער שיינער וועלט,
אַז אַך און ווי,
און נישט אַראָפּ פֿון זינען,
און נישט ווערן טויב פֿונעם אייגענעם שרעק־געשריי,
און נישט ווערן בלינד פֿונעם אייגענעם געוויין,
און נישט ווערן פֿאַרקאַוועט פֿון דעליריום־קעלט.

דער בעשט און דער בוים

דער בעשט איז אַוועק אין וואַלד אַרײַן
בין־השמשות־צײַט, זיך מתיחד זײַן.

איז אַקעגנגעקומען דאָס פֿעלד פֿאַרן וואַלד,
און געעפֿנט דעם בעשט אַ סטעזשקע, אַ שפּאַלט.

איז געקומען אַ ווינטל, פֿון אַט ערשט אָן,
און פֿאַריאָגט פֿון דער סטעזשקע דעם דאָרן, דעם שפּאָן.

אַז דער בעשט האָט דעם ברעג פֿונעם וואַלד דערגרייכט,
האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צו דער הייך —

דער הימל איז בלאָ, אַ וואַלקנדל קוים,
נאָר דאָ, נישט ווײַט, אַ דאַרער בוים.

אַ בליץ האָט אים איבערגעהאַקט אין דער מיט —
ער ווײַזט די פֿאַרקוילטע ווונדן אין שניט.

נישט געווען אַרום בוים קיין מאָך, קיין גראָז,
און דער בוים האָט מיט גליווער געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס?

צי קען אַ בוים דען טון עפּעס שלעכטס?
איז דער פֿון אויבן נישט תּמיד גערעכט?"

דער בעשט האָט אַ זיפֿץ געטאָן „אוי..." — נישט מער,
און אין אויג האָט אַ ברי געטאָן אַ טרער.

דער בוים האָט געהערט אַ שטיל געוויין,
און אין אים האָט גענומען אַ וואַרעמקייט גיין.

אויפֿן וועג אַהיים האָט דער בעשט דערפֿילט,
אַז דעם בוים האָט חסד אײַנגעהילט.

און דער בוים האָט דעם בעשט ווײַט נאָכגעקוקט —
אין די צווײַגן האָט וואָרעם גערירט זיך, געצוקט...

שטיינערנע שלעסער

1. שקיעה עק שטאָט

איך בין אַנטלאָפֿן פֿון קרעציקע ראָגן פֿון גאַסן.
גלײַענדיק גראָבט מיר אַ דאָרן אַלץ טיפֿער אין פֿלייש.
פֿלעדערמײַז יאָגן מיך, רײַסן פֿון מיר פּאַסן.
שקיעה־שײַטערס זענען מיט בלוט געליישט.

גאַסנלאָמפּן עסן זיך אײַן אין די אויגן.
פֿינצטערע ליכטיק — אַ מעסער בלאָ און בלאַנק.
ליכטיקע פֿינצטער — ס׳האָט עמעץ זיך אײַנגעבויגן,
קוים זיך דערשלעפּט צון אַן עלנטער, שטיינערנער באַנק.

ווער איז עלנטער: ער, צי די באַנק, צי דאָס מעסער,
וואָס האָט אויפֿגעבליצט אין אַ האַנט פֿון שטיין?
אויף די טויערן הענגען שטיינערנע שלעסער.
עמעץ דערלאַנגט אַ צאַפּל און פֿאַלט אין גיין.

ערגעץ אין שכנות רודערן שטיינערנע שטראָמען.
דאַכט זיך, אַט באַלד וועל איך ליגן אין זיי, פֿאַרשטיינט.
ווײ, כ׳האָב נאָך מײַן יאָמער נישט אויסגעיאָמערט,
שרעק האָט מיר פֿאַרשטיינערט מײַן געוויין.

נעענטער, נעענטער קומט צו מיר דער גערודער
פֿון אַ שטיינערפֿאַל פֿון אַ ווולקאַן.
איך האָב אַרומגעכאַפּט די באַנק: מײַן ברודער —
און די שרעק איז פֿון מיר אָפּגעגאַן.

כ׳האָב געהערט אין שלאָף, ווי וועלטן קראַכן,
אַ געבראַזג פֿון אײַזן און פֿון שטיין.
וועל איך מיך נאָך פֿעדערן — בלחש
תּפֿילה שעפּטשען פֿאַר מײַן ביסל שיינס?...

2. דאַון־טאַון בײַ נאַכט

לאָמפּן אויף סלופּעס
טריפֿן מיט קאַלטער עלעקטרע, מיט קאַרגער.
רויכיקע פֿאָנען
וויקלען זיך ענג אַרום העלדזער, און וואַרגן.

גאַנצע ניאַגאַרעס —
נעאָן־ליכט שפּריצט און פֿאַרפּלייצט די בליקן.
ווי אויף משקולות
הענגען און וויגן זיך שטאָלענע בריקן.

עמעצער שאַרט זיך
האַרט בײַ די מויערן, ווי צו אַנטרינען;
קוקט צו די בריקן —
אפֿשר איז דאָרטן די רו צו געפֿינען.

מויערן רינגלען
און זיי פֿאַרשפּאַרן דעם אײנציקן וועג אים.
עפּעס ווי פּלוצעם
נעמט פֿון די לאָמפּן קאַפּען אַ רעגן.

ערגעץ אין שכנות
טראַסקעט מוזיק און עמעצער ריטשעט.
און פֿונעם רעגן
ווערט אין די גאַסן פֿינצטער און גליטשיק.

אונטער די בריקן
רעגנט נישט מער, נאָר סע הילכן אַבזונס.
און פֿון די כוואַליעס
קען זיך באַלד אפֿשר אַ וווּנדער באַווײַזן...

3. דאָס ליכט פֿאַר טאָג

די שויב האָט אַ ציטער געגעבן דין.
כ׳האָב באַלד פֿאַרגעסן ווו איך בין.
די ווענט זענען שטומע אײַנגעפֿאַלן.
איך שטיי אין דרויסן. לבֿנה־שטראַלן.

איך האָב מיט האַרץ די הענט צעשפּרייט,
וואָס מיר איז אַזאַ גליק געגרייט:
די גאַנצע וועלט, ביז אַלע עקן —
ס׳זאָל נאָר פֿאַר מײַנע דאָרשטן קלעקן.

אַ פֿרידלעכע, אַ קילע שײַן
איז ביז אין בלוט צו מיר אַרײַן.
פֿאַר וואָס (— איך האָב עס פֿײַנט צו טראַכטן —)
האָב איך עס אַזוי ליב פֿאַרנאַכטן?

דאָס אייגענע: דאָס ליכט פֿאַר טאָג —
כאָטש ס׳האָט מיר וועלטן צוגעזאָגט
און האָט מיך אָפּגענאַרט, באַטריבט מיך —
כ׳בין אַלץ אין אָנהייב טאָג פֿאַרליבט נאָך.

מיר קלויטשעט עפּעס אין געמיט,
— דער ערשטער ציטער פֿון אַ ליד —
איך ווייס נישט, וואָס ס׳האָט מיך פֿאַרטשעפּעט,
נאָר קלאָר איז: דאָרטן כליפּעט עפּעס.

איך ווייס נישט וואָסער וואָרט, צי קלאַנג,
איך ווייס נאָר ווייל, אַז איך בין קראַנק.
כ׳זאָל קענען אַלצדינג אויסדערציילן —
וואָלט מיך אַ טאָטער אפשר היילן.

נאָר גיי זשע גיב אים צו פאַרשטיין —
אַז איך בין ביטער שטום אַליין.
איך רעד מיט האַלבע ריידענישן —
איך מוז מיר אַזש די אַנגסטן ווישן.

מיר רויבט דער אָנהייב טאָג דעם שלאָף —
פאַר וועלכע זינד איז דאָס די שטראָף?
אין הימל לעשן זיך די שטערן,
נאָר עפּעס קען נישט ליכטיק ווערן.

און צו קיין טאָטערס לוינט נישט גייך,
און טיף אין האַרצן וואַקסט דער שטיין
פון מײַנע שטומענישן אַלע.
נישטאָ קיין הילף דערצו. פאַרפאַלן.

האָב איך אַ פייגעלע דערהערט
פון ערגעץ ווײַט אַזש ביז אַהער —
און ס׳האָט מיך אָנגעהויבן צי׳ען
די דינע קלאַנגען נאָכצופלי׳ען.

אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.
סע מוז דאָך ווערן טאָג נאָך נאַכט.
אָט גלעטן קלאַנגען אומגעריכטע;
פאַר וואָס זשע קען נישט ווערן ליכטיק?

אַז נוח איז קוים פֿון דער תּיבֿה אַרויס

אַז נוח איז קוים פֿון דער תּיבֿה אַרויס
נאָך פֿערציק מעת־לעתן לאַנגע,
און געזען די ערד אַרום זיך, ווי זי׳ז וויסט —
איז אים גאָרנישט אײַנגעגאַנגען.

„ווי גוט מיר איז, אײַ־אײַ, ווי גוט —
איך לעב, כ׳האָב גאַנצע ביינער.
נאָר פֿון אַלע מײַנע גוטע־פֿרײַנד
איז נישט געבליבן קיינער״.

ער פֿלעג באַגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט
און שעהענווײַז זיצן פֿאַרדומעט,
ביז ער האָט דערפֿילט: עמעץ שטייט לעבן אים —
ווי אים אײַנצונעמען געקומען.

„דו מיינסט, אַז איך בין נישט באַטריבט,
און ס׳ווערט מיר דאָס האַרץ נישט צעריסן?
איך עס מיך, מיינסטו, ווינציק אויף?
נאָר נישט אַנדערש געקענט — מעגסט עס וויסן.

איז ווי לאַנג איז דער שיעור, נוחשי?
סע פֿאַלן דאָך פֿון דיר שטיקער.
געוויין איז גוט, סע רייניקט דאָס האַרץ,
נאָר שׂימחה איז אויך אַן עיקר.

איך האָב פֿאַר דיר, נוחשי, עפּעס אַזוינס,
וואָס דו׳סט אייביק דערפֿאַר מיך גרייסן.
שטיי מאָרגן אויף מיטן טאָג צו גלײַך —
און טו וואָס כ׳וועל דיר הייסן.

איך האָב אַזאַ מין װוּנדערבוים,
אַ װײַנשטאָק — אים פֿאַרפֿלאַנץ דיר.
פֿון זײַנע פּירות, נוחשי,
װערט װױל, מע װיל אַזש טאַנצן.

דערפֿון פֿאַרגעסט מען אַ ביסל די לייד,
מע קען דען אין גאַנצן פֿאַרגעסן?
נישט טראַכט צו פֿיל אַרײַן דערין —
און פֿאַרפֿלאַנץ דעם בוים פֿונדעסן".

איז נוח צו מאָרגנס אַרויס מיטן טאָג,
און געטאָן װאָס גאָט האָט געהייסן.
מע דאַרף דערפֿאַר דעם אייבערשטן
אויף אייביק לויבן און גרייסן.

פּרי-האַרבסט

צעריסן שפּינװעבס פֿלאַטערט,
װי אויסגעפּליקטע סטרונעס.
זיי האָבן אומגעבלאָנקעט,
און האָבן מיך געפֿונען.

צעהאַקטע אַלטע פֿידלען,
צעבראָקטע װיאָלאָנטשעלן —
װי זאָל איך אויף אײַך שפּילן,
ס׳זאָל עמעצן געפֿעלן — ?

איך קען אויף אײַך נישט שפּילן,
איך קען אײַך נאָר באַלייטן
אויף סקריפּעדיקע סטרונעס
פֿון מײַן פֿאַרקלעמטן ווייטיק.

וואָס קומט איר מיר צו זאָגן?
וואָס קומט איר מיר צו ברענגען?
צי קען איך פֿון אײַך דרייען
אַ שטריק — מיך אויפֿצוהענגען?

סוף־זומער־לאַנדשאַפֿט מיט רעפֿלעקס

דער וואַלד איז געקליידט אין כּלערליי קופּער־קאָלירן,
אין מאָדנע געוואַנטן, געטונקטע אין אַלערליי רויטע ווײַנען.

...צי וועט נאָך פֿאַרבלאָנדזען אַהער אַ ציגײַנער
און ברענגען צו פֿירן
אַ קופּערנעם קעסל, אַ קופּערנע פֿאַן
צו פֿאַרקויפֿן?

...כ'האָב נאָכגעטענצלט, כ'בין נאָכגעגאַן
אין אַלע שטעטלשע הויפֿן.
אוי, וואָס האָט מיך דעמאָלט אַזוי געצויגן?
ווײַזט אויס, דעם ציגײַנערס אַ טעכטערל,
אָנגעטון ממש אין שמאַטעס,
אַ קליינע — אַ גרויסע ווי איך,
און מיט נאַקעטע דיך,
און מיט אויגן —
מיט ליכטיקע, שוואַרצע אויגאַנעס —
זי האַלט אין דער האַנט אַ קופּערנע פֿאַן, און

זי קלעפּלט דערין מיט אַ שטעקן,
דאָס שטעטל צו וועקן —
זי העלפֿט עס דעם טאַטן.
סע העלפֿט נישט, מע זעט נישט קיין קונים.

אפֿשר זי פֿרעגן, צי מעג איך קומען אין בויד בײַ זיי ווינען ?...
נאָר ניין, זי׳ט נישט וועלן.
כ׳וועל סײַ ווי נישט איין מאָל מיט איר פֿאַרבלאָנקען
אויף חלום־לאַנקעס,
בײַ סאַמע ראַנדן,
און נעמען זי שיין בײַ דער האַנט, און
זיך צוזעצן נאָענט צון איר אויף דאַכטעניש־שוועלן.

די הערעלעך זענען פֿאַרפֿלאָכטן מיט עפּעס דאָרט צוויטן —
זי ווייסט נישט: זיי מאַכן זי הונדערט מאָל שענער —
זי קוקט נישט אויף קיינעם, נאָר קלעפּלט —
און איך לעבן איר, ווי אין מיטן,
און כ׳לאָז נישט אַרויס פֿון די אויגן איר קעפּל.
מיר ווילט זיך איר זאָגן:
דו קלייניקע הגר —
נאָר כ׳קען נישט.

דער וואַלד איז געטונקען אין הייסע קופּער־קאַלירן —
אַט־אַט קען ער אָנהייבן ברענען.
און העט אין דער הייך — אַ שנירל,
אַ שורה וואַנדער־פֿייגל זיך ציליעט,
אַ שטילע.

און אָסיען־פֿליגעלעך רודערן האַרט בײַ מײַן אויער
און זשומען:
אַהער וועט שוין מער קיין טאַבאָר מיט ציגײַנערס נישט קומען.

און העט פֿון יענער זײַט ווײַטן פֿלאַטערט אַהער דער טרויער.

ווּ סע פאַלן בריוו פֿון די שטערן

כ׳האָב באַקומען אַ בריוו פֿון זייער ווײַט,
ווּ סע פֿאַלן בריוו פֿון די שטערן —
און ווער סע באַקומט פֿון דאָרט אַ בריוו,
דעם טריקענען די טרערן.

זיי וואַקסן דאָרט אויפֿן שטערנבוים,
די לבֿנה היט אין שכנות —
נאָר וואָס אין בריוו שטייט אַקוראַט,
דאָס ווייסט דערווײַל נישט קיינער.

זיי זענען געשריבן זייער געהיט,
און מיט דער שריפֿט, דער דינסטער —
און אַלע פּחדים גייען אַוועק,
די שווערסטע און די גרינגסטע.

זיי שרײַבן זיך אין חלום־ליכט —
פֿון אָונטצײַט ביז סע נעמט פֿרײַען;
און דער וואָס באַקומט אַ בריוו אַזאַ,
מסתּמא האָט ער אַ זכיה.

איך האָב שוין לאַנג געגאַרט דעם בריוו —
געמיינט, ער וועט נישט קומען.
אַ טרויער און אַ שולדיקייט
האָבן מיך אַרומגענומען.

כ׳האָב אים לסוף באַקומען פֿאָרט,
און כ׳האָב אים באַלד געעפֿנט —
דאָרט שטייט נישט גאָרנישט אַקוראַט,
ס׳איז אָבער גרינג צו טרעפֿן.

ווײַל ווער סע באַקומט אַ בריוו אַזאַ,
וואָס פֿאַלט אים אַראָפּ פֿון די שטערן —
ווערט אים אַ נס באַגעגענען,
ער׳ט אָפּגעקייטלט ווערן.

מע דאַרף דעם בריוו אי ניכנעדיק,
אי גערנווילינק נעמען —
און דעמאָלט ווערט דאָס האַרץ דערלייזט
פֿון אַלע זײַנע קלעמען.

די בענקענישן קומען אָן
צו לענדערברעגן ווײַטע,
וואָס אָט אַהין צו ציט עס גאָר
זינט אייביקדיקע צײַטן.

די גאַנצע וועלט ווערט דאָרט אַ היים,
די חיות — שוועסטער און ברידער;
מע קען הערן די שטערן אַ גאַנצע נאַכט
אין וווּנדערלעכע לידער.

און אַלץ איז לויטער, אַלץ איז קלאָר,
מע וויל מער גאָרנישט פֿרעגן.
דער הימל ווערט אַ חופּה, אַ סכך,
די ערד — אַ שטיל געלעגער.

וויגליד

(אַ מתּנה מײַן אייניקל)

זיבן שטערן אין דער שויב
הענגען ווי אַן עיגול —
זיי דערלאָזן נישט קיין בייזס
צו מײַן קינד אין וויגל.

זיבן שטערן — ווּ זשע איז
זייער גוטע מאַמע?
בײַ אַ שכנטע צו גאַסט
אפשר און מסתּמא.

אָבער זע, ווי קיינס פֿון זיי
קרימט זיך נישט אַפֿילו,
נאָר זיי שטייען איינס ווי איינס
פֿרידלעכע און שטילע.

ווײַל די מאַמע, ווייסן זיי,
האָט זיי אַלץ אײַנגעזען —
ווּ זיי זאָלן זיך, ווי ווײַט,
ערגעץ נאָר געפֿינען.

דו ביסט אָבער לעבן מיר,
און איך קען דיך נעמען
אין די אָרעמס ווען איך וויל —
דאַרפֿסטו דיך נישט קלעמען.

פֿון קיין איבערשרעקעניש
דאַרפֿסטו גאָרנישט קלערן —
אי די מאַמע היט דיך אָפּ,
אי די זיבן שטערן.

(דעצעמבער 1975)

אַז אַ מיידעלע באַנײַט אַ קליידעלע

זאָלסט עס טראָגן געזונט, און געזונט צערײַסן,
און קיין שום בייזס זאָל זיך דיר נישט ווײַזן.
חלילה באַשערט, זאָל עס טרעפֿן די קליידער,
און פֿון דיר זאָל מען שעפּן נאָר נחת און פֿריידן.

זאָלסט דיך האָדעווען גרינג און וואַקסן געראָטן,
און באַקומען אַ חתן ווי גאָט האָט געבאָטן.
זאָלן טאַטע־מאַמע מיט דיר זיך פֿרייען
און דערלעבן דיר חתונה־קליידער צו נייען.

אַכיכי־נענע

מײַן אייניקל, אַ מיידעלע פֿון אַכט חדשים,
איז דאָך נאָך ווײַט פֿון צײַטיק מענטשלעך לשון,
נאָר הײַנט האָט עס אַרויסגערעדט אַ וואָרט,
וואָס קען נישט זײַן, מיר דאַכט זיך, שענער:
אַכיכי־נענע.

כ׳האָב נאָכגעקוקט אין מײַנע ווערטערביכער —
אפֿשר וועל איך קענען
דערגיין וואָס ס׳איז אַזוינס
אַכיכי־נענע.

געזוכט, און נישט געטראָפֿן,
נישט אין דעם און נישט אין יענעם,
דעם איינס
אַכיכי־נענע.

האָב איך אין אַלע באַלד אַרײַנגעשריבן,
מיט מײַן זילבערענער פענע,
דאָס וווּנדערלעכע וואָרט
אַכיכי־נענע.

אַזוי פֿיל ווערטער זענען הײַנט פֿאַרסמט,
זיי ברענען,
דאָס ריינסטע וואָרט איז, דאַכט זיך מיר,
אַכיכי־נענע.

ס׳האָט קיינעם נישט געטון קיין שלעכטס,
ס׳איז נישט קיין שפּיז,
ווי, ווײ, אַזוי פֿיל ווערטער זענען,
ס׳איז ערלעך, ווי אַן עופּעלע —
אַכיכי־נענע.

מע וואָלט געדאַרפֿט, בנאמנות, אונטערברענגען
די שיינע רעדעכצער פֿון אַלע בעל־דרשנים,
פֿון אַלע עלאָקוועגטע מענער —
און איבערלאָזן זיי אַן איינציק וואָרט —
ס׳איז ערלעך, שיין
און קלוג,
מע דאַרף נישט מיין,
אַכיכי־נענע,
גענוג.

ווען איך וואָלט

ווען איך וואָלט אין די יונגע יאָרן
געווען געלערנט שנײַדערײַ,
וואָלט איך הײַנט געווען אַ גוטער שנײַדער,
און אפֿשר צווישן די בעסטע דרײַ.

ווען איך וואָלט אין די יונגע יאָרן
אַ לויפֿער זײַן געלערנט זיך,
וואָלט הײַנט אַ האַלבע וועלט געקומען
צו מיר — זיך לערנען לויפֿן גיך.

ווען איך וואָלט זיך געלערנט טאַנצן,
וואָלט איך ניזשינסקין הײַנט פֿאַרשטעלט.
איך וואָלט געגעבן טאַנצקאָנצערטן
אין אַלע הויפּטשטעט פֿון דער וועלט.

אַז איך האָב אין די יונגע יאָרן
געהאַט נאָר איין מלאכה בלויז:
צו קוקן ווי די פֿייגל פֿליִען —
איז וואָס זשע איז דערפֿון אַרויס?

כ׳בין נישט קיין שנײַדער, נישט קיין לויפֿער,
און נישט קיין טענצער — גאָרנישט, עט!
איך רוף אַרויס בײַם רשע רוגזה,
בײַם פֿײַנעם מאַן — אַ דין געשפּעט.

און ווײַל כ׳האָב נישט געלערנט לײַטיש
די קונסט פֿון לידער־שרײַבערײַ,
איז שרײַב איך נאָר אַזוינע לידער,
וואָס זענען דרויב און קײַ און שפּײַ.

בײַ בליטנדופּטן

בײַ בליטנדופּטן אין דער היים,
דערציילט מען, טוט זיך עפּעס:
די מענער טראָגן לאַקירטע שיך,
די פֿרויען — לאַנגע שלעפּעס.

אין די שטיבער הענגען, האָב איך געהערט,
אַריבער צוואַנציק שאַגאַלן,
און יאָסל בערגנערס — און וואָס דען נישט?
און סאַמע אָריגינאַלן.

ווי קומט צון אים אַזאַ פֿאַרמעג?
ר׳האָט עס אָסור בײַ מיר נישט גענומען.
מסתּמא האָט ער זיך פֿאַרדינט,
מסתּמא איז אים געקומען.

מע רעדט, אַז אין זײַנע אוצרות קונסט
ליגט ממש אַ מטמון באַגראָבן.
ווי זאָגט מען: ווער סע פֿאַרגינט אים נישט,
דער זאָל אַליין נישט האָבן.

מע ווייסט, ער גיט אויף עולמות.
נו, יאָ — ווער דען זאָל געבן?
ר׳האָט זיך אײַנגעהאַנדלט, זאָגן לײַט,
שוין לאַנג דאָס אייביקע לעבן.

בײַ מיר איז נישט קיין מוזיי די שטוב —
כ׳האָב ווענט מיט ביכער און ספֿרים.
קיין דחקות לײַד איך נישט, ברוך־השם,
נאָר קעגן אים בין איך אָרעם.

ער האָלט זיך, זאָגט מען, בײַ זיך גרויס —
ער ווייסט ווער ער איז, פֿאַרשטענדלעך.
איך האָלט מיך דווקא קלענער פֿון קליין —
נאָר דער סוף פֿון אונדז ביידן ט׳זײַן ענלעך.

ער הייסט טאַקע, אמת, בליטנדופֿט,
און איך הייס שאַפּיר־אַשפּלער —
נאָר פֿוןביידן וועט ווערן אין הונדערט יאָר
אַ ביסל שטויב און אַשפּה.

ר׳האָט געהאָלפֿן אַ סך און, ווי געזאָגט,
זיך געקויפֿט דאָס אייביקע לעבן.
כ׳האָב אויך געגעבן, נאָר נישט קיין געלט —
עפּעס אַנדערש האָב איך געגעבן.

איך גלוסט נאָך קיין עשירות נישט,
איך גלוסט נישט נאָך קיין כּבֿוד.
כ׳וויל קומען מיט אַן ערלעך האַרץ
צו גיין אויף קבֿר־אָבֿות.

איך פֿאַל נישט אַראָפּ פֿאַר קיינעם נישט,
ווײַל איך בין שוין סײַ ווי געפֿאַלן.
און איך גיב נאָר דאָס, וואָס איך פֿאַרמאָג,
אָבער נישט אין אימפּעריאַלן.

כ׳וויל קומען, ווי מע זאָגט, פֿאַר גאָט,
מיט אָפּגעהיטע לעפֿצן,
כ׳זאָל מעגן מיט דורות ערלעכע לײַט
אַן ערלעכער זיך באַהעפֿטן.

אַ חלום — וויסט

אַ חלום — וויסט, וואָס וויסטער קען נישט זײַן — — —
ס׳איז עמעצער מיט אַ ראַזמאַך אַרײַן,
און מיר דערלאַנגט אַ פען מיט אַ פּאַפּיר,
און מאַנסטערדיק פאַרשטעלט פאַר מיר די טיר:
„דו חתמע: מער קיין כּתבֿים שרײַבסטו נישט.
פאַרקערט — איז שם תהא, ווערסט אָפּגעווישט“.

כ׳האָב אָנגעכאַפּט דעם טיש מיט בײדע הענט —
אַ וואָרף געטון, און אײַנגעלייגט די ווענט — — —
און כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט פון דעם געבראַזג,
די זון איז נאָך געווען אין פוטערפאַס.
איך האָב געכאַפּט דעם אָטעם פאַר דער טיר:
ווי קומט אַזאַ קאָשמאַר אין שלאָף צו מיר?

איך האָב מיר אָפּגעווישט די קאַלטע אַנגסט:
ווי קען עס גאָר אַרויף אויף מײַן געדאַנק?
אין אַלע פּוסטע וועלדער זאָל עס גיין,
און ווערן אין מדבריות שטיין אוןביין!

נישט ווײַט האָט זיך אַ פייגעלע צעטרעלט
און אויפגעוועקט פון כראָפּעניש די וועלט.
אַ פייגעלע, אַ צווייטס, האָט אינעם פלי
געטרעלט: אני לדודי ודודי לי.
כ׳בין מיט אַ יעכץ אַרײַן אין זייער מיט:
געטרײַע פייגעלעך, פאַרלאָזט מיך ניט...

מײַן פֿאַרמעג

איך האָב נישט קיין אוצרות — איך האַלט נישט דערפֿון,
נאָר איך האָלדז דעם ערשטן סנאָפּ ליכט פֿון דער זון.

כ׳האָב שטערן און פֿייגל איבער מײַן ערד,
די לבֿנה ווײַזט זיך מיר, ווען איך באַגער.

זי קומט מיך שטאַרקן, אַז איך בין באַטריבט,
און ברענגט מיר די הערצער, וואָס האָבן מיך ליב.

זה חלקי — אָט דאָס איז מײַן גאַנצער פֿאַרמעג,
ס׳וועט קלעקן אויף אַלע באַשערטע טעג.

און אַ פֿינגערל האָב איך פֿון אַ מין גאָלד,
וואָס עפּעס אַזאַ האָב איך, דאַכט זיך, געוואָלט.

און אין מיטן — אַזאַ מין דימענטשטיין,
וואָס אַזוינס, דאַכט זיך, זעט מען בײַ קיינעם נישט מיין.

ווי קומט עס צו מיר? ס׳אַ באַשערטע זאַך —
ס׳איז אַראָפּ פֿון דער הייך צו מיר אויפֿן דאַך.

כ׳האָב אין מיטן אַ חלום געהערט דעם קלאַנג —
כ׳האָב געוואָרט דערויף ווער ווייסט ווי לאַנג.

מע זאָגט — איך ווייס? — סע קומט פֿון גאָט.
דער אוממענטש האָט דערפֿאַר נאָר שפּאָט.

איך זע אים — טרעט איך אים אָפּ דעם וועג —
ער זאָל נישט זען מײַן שיין פֿאַרמעג —

און איך גיי מיר ווײַטער האַרט בײַם צאָם —
איך זאָל אים נישט דאַרפֿן זען — דעם כאָם.

ווײַסע אינדינס

רײַטערס, אויף צעפּלאָמטע פּערד,
יאָגן זיך נאָך ווײַסע אינדינס —
אונטער זיי פֿאַרשווינדט די ערד,
ווי צו שקיעה שאָטנס שווינדן.

שאָטנס שווינדן קעגן נאַכט,
און סע קומען ווינטלעך לינדע.
דער, וואָס האָט זיי אויסגעטראַכט,
האָט אויך אויסגעטראַכט די אינדינס.

אינדינס האָבן גרינגע פּיס,
און זיי טראָגן זיי ווי פֿליגל.
נאָר זיי יאָגן זיך נישט וויסט,
נאָר ווי אין אַ ווײַטן עיגול.

אינעם עיגול יאָגן זיך
רײַטערס מיט פֿאַרבענקטע אויגן.
און אַ דינע נעפּלציך
פּלאָטערט מיט אין ווײַטן בויגן.

נאָך די אינדינס יאָגן זיי,
ביז זיי וועלן זיי געפֿינען.
אין די גריוועס, ווײַס ווי שניי,
ציטערט ליכטיק דער באַגינען.

רײַטערס, אויף צעפּלאָמטע פּערד,
יאָגן זיך און ווײַטן שפּאַלטן.
אין באַגין גייט אויף די ערד,
וואָס די נאַכט האָט שטיל באַהאַלטן.

אַ צוויקל בלוי

סע גיט זיך אויס אַ נאַכט,
וואָס שלעפּט זיך ווי אַ שטעטלשע עגלה,
ווען קוים אַ צוויקל בלויקייט ראַנגלט זיך
אין הייכן פון אַנומלטיקע טאָלן.

פאַרפליט די בענקעניש אַהין,
כאָטש ס׳איז נישטאָ שוין מערער קיין אַהינען.
איך צירעווע פון ווײַס לבנה־פלאַקס
דערמאָנענישן דינע.

געווען אַ מאָל אַ טײַך,
מיט ליפּעצווייט באַהאָנגען —
נאָר, ווײ, אַ הימלבראָך
האָט דאָרטן אײַנגעשלונגען אַלע שטערנגאַנגען.

די פייגל, זאָגסטו, הערן נישט,
און אפשר אויכעט נישט די שטערן —
בײַ ווּעמען אָבער פרעגט מען פאָרט:
וואָס טוט מען, ס׳זאָל מיר גרינגער ווערן.

כּפי און לויט סע זאָגן קלוגע לײַט,
איז דאָרט נישטאָ מער גאָרנישט צו געפינען.
דאָס צוויקל בלוי פון דער דערמאָנעניש
דערלאָזט נישט אַז איך זאָל אַראָפּ פון זינען.

די שרעק

איך אַנטלויף פֿאַר אַן איקאָנע,
וואָס זי וויגט זיך אויף אַ שטאַנג.
אַ המון פֿון בני־נפֿילים
יאָגט מיך, שטורמעוועט שוין לאַנג.

אַלע האַלטן זיי דאָס אָפּבילד,
און זײַן פּנים איז צעקרעלט —
און אויף מיר מיט אַלע פֿינגער:
„דער וועט אומברענגען די וועלט".

דעם קאָשמאַר געדענק איך מער נישט,
נאָר פֿון דאָרטן קומט דאָס בילד —
און איך וויס אויך, אַז פֿון דעמאָלט
יאָגט מיך די איקאָנע ווילד.

און נישט איין מאָל האָט געטראָפֿן —
און פֿון דאָרטן קומט די שרעק —
איך בין, מיט אַ שפּיץ איקאָנע
אין דער שלייף, אַהיים אַוועק.

איז אַראָפּ פֿון ווו אַ וואָלקן,
אַ פֿאַרנעפּלטער אָקרענט,
און געטרײַ מיך אויסבאַהאַלטן
פֿון דער האָרדעס ווילדע הענט.

אינעם וואָלקן זיצן מיט מיר
נאָך אַזעלכענע ווי איך.
ווער בײַם רודער זיצט? מע ווייסט נישט.
נישט מע פֿרעגט — מע חידושט זיך...

אונטער אונדז — די בני־נפֿילים,
די איקאָנע — אין געפּאַך.
מיך באַהאַלט אַ גוטער וואָלקן,
נאָר דער פּחד וואַרגט מיך נאָך.

טויבן פֿליִען אונדז אַקעגן,
און זיי פֿליִען מיט אונדז מיט —
נאָר די בני־נפֿילים אונטן
און ד׳איקאָנע רוען ניט.

ווו אַהין סע פֿליט דער וואָלקן,
ווו אַהין ער שפּאַלט די נאַכט —
שוין אַ סך געטראַכט דערוועגן,
נאָר צו גאָרנישט זיך דערטראַכט.

יאָ, איך פֿיל: ער פֿירט מיך ערגעץ
צון אַ ליכטיקדיקן ברעג —
איז פֿאַרוואָס זשע קען נישט וועפּן
טיף אין מיר די שרעק?

פאַרקבילדל

זיי זיצן איינס לעבן צווייטן —
אַרום איז די וועלט גישטאָ...
אַ פויגל גיט אַ טשירקע,
און פליט אַוועק אין דער בלאָ.

אַ ייִנגעלע מיט אַ פּײַפל
שנײַדט דורך דעם פּאַרק אין דער קרום.
סע פליִען אָן ליפּעווע ריחות —
זיי קוקן זיך ביידע אום.

זײַנע ליפּן פאַרדעקן באַלד אירע.
אַרום איז די וועלט אַוועק —
און זיי איבערגעלאָזט אין צווייען
אויף אַ נאָענט־ווײַטן ברעג.

אַ רעגנדל נעמט שפּרענקלען.
ער פאַרוואַרפט אַרום איר די הענט —
ער וואָלט זי אײַנגעשלונגען,
ווען נישט די קליידערווענט.

ער בעט די זון, וואָס פאַרגייט שוין:
„אַ ביסעלע גיכער פאַרגיי —"
אַ בוים איז אויסגעוואַקסן
אַ צוויי, דרײַ טריט פון זיי.

סימעטריע — מיסטעריע

סימעטריע פֿאַרמאָגט די אותיות פֿון מיסטעריע.
גאָטס חכמה — נישט נאָר וווּנדערלעך און גוט איז זי,
נאָר אויכעט שיין.
אַ פּאַראַדיגמע איז דער קערפּער פֿון דער פֿרוי —
מע דאַרף נישט מיין.

מיט דרײַ משולשן
האָט גאָט געבויט דעם קערפּער פֿון דער פֿרוי —
אַזוי:
די אויגן מיטן מויל — איז דרײַ,
און גאָט איז דאָ דער פֿערטער —
ער האָט זיי געהייסן, מיט די שטילסטע ווערטער,
אַז דאָס מויל זאָל זײַן —
דאָס קול פֿון דער נשמה לאָזן שיין צו הערן;
און די אויגן — אויף צו זען, און קוקן גינציק,
און אַ מאָל צו לאָזן גוטע טרערן.

אויך די פּאַכוועס מיטן נאָפּל זענען דרײַ;
אויך דאָ איז גאָט דער פֿערטער —
ער איז דאָ אין אַלע שטילע ערטער.

אויך די טראַכט און ביידע מילעכקוואַלן
זענען דרײַ, וואָס ווײַזן גאָט
אין זײַן חסדימדיקער־סודותדיקער שטראַלונג.

יאָ, בײַ אַלע אָט די דרײַ
איז דאָ דער לעבעדיקער גאָט דערבײַ —
ער ווײַזט זיך אונדז אין אַלערליי געשטאַלטן,
נאָר ער ליגט באַהאַלטן...

אין זכרון

כ׳האָב אַ מאָל געפֿונען אַ פֿייגעלע,
וואָס האָט געלאָזט זיך פֿאַנגען.
דער טאָג איז נאָר וואָס געהאַט אַוועק,
נאָר די זון איז נאָך נידעריק געהאָנגען.

ס׳איז געווען, געדענק איך, אָסיענצײַט,
נאָר דער אָסיען האָט געפֿרילינגט.
„וועסט קומען, זאָג, צו מיר אַהיים?"
„גאָר גײַן, איך בין נישט וויליק".

„איך זע, דו ציטערסט, ס׳איז דיר קאַלט —
איך וויל נישט זאָלסט פֿאַרפֿרירן —"
„דו קום מיט מיר אין וואַלד אַרײַן —
איך וועל דיך נישט פֿאַרפֿירן".

געהאַט אַ סך מיך אָנגעהערט
פֿון פֿייעס און רוסאַלקעס,
פֿון שרעטעלעך, וואָס טוליען זיך
אין שפּאַלטן צווישן באַלקנס —

נאָר דאָס איז פֿאָרט אַ פֿייגעלע —
איך זע עס אינעם פּנים — — —
דער וואַלד האָט טיף געאָטעמט קיל
מיט ווינטעלעך און לבֿנה...

און מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג
האָבן מיר זיך שיין געזעגנט:
„איך פֿרעג דיך נישט וויזוי דו הייסט,
און זאָלסט מיך אויך נישט פֿרעגן.

אַ נאָמען פֿליט אַוועק ווי רויך,
נאָך האַרציקייטן בענקט זיך.
מע קען אַן איינציק וואַרעם וואָרט
אַ לעבן לאַנג געדענקען".

כ׳געדענק נישט, ווער ס׳האָט עס געזאָגט.
מיר דאַכט זיך, אַז מיר ביידע.
און נאָך אַ גלעט, און נאָך אַ קוש —
אַזוי האָבן מיר צעשיידט זיך.

אין מיל די רעדער דרייען זיך,
און אין דער צײַט — די יאָרן,
נאָר יענע אָסיען־פֿרילינגנאַכט
ליגט טיף נאָך אין זכרון.

אין שטערנליכט

די הענט פֿאַרפֿליִען ערגעץ ווײַט,
צעשפּרייטע ווי אַ בויגן.
זיי לאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט,
ווי אַ פֿאַרבענקטער פֿויגל.

איך האָב שוין לאַנג געלערנט זיך
צו פֿליִען ווי די פֿייגל.
מיך ציט צו פֿליִען אָונטצײַט,
ווען ס׳נעמט דער טאָג זיך נייגן.

די פֿינגער נעמען פּלאַטערן,
ווי עמעץ זאָל זיי הייבן.
אין כּישוף־כּוחות גלייב איך נישט,
אין ניסים מוז איך גלייבן.

מיר ווײַזט זיך עמעץ אין דער ווײַט—
קיין האָר זיך נישט געאַנדערשט.
דורך יאָרנרעדער צענדליקער
האָב איך אַהין געוואַנדערט.

די שטערן ווײַזן מיר דעם וועג,
די גוט באַקאַנטע שטערן.
וואָס נעענטער איך פּלאַטער צו,
אַלץ ווערט די זעונג קלערער.

אין שטערנליכט דערזע איך באַלד
אַרום איר האַלדז די קרעלן —
דער האַלדז, די קרעלן און דער קאָפּ —
ווי אין אַ באַטיטשעלי.

די אָרעמס נעמען זי אַרום —
אוי, גאָט, איך בין דערפֿלויגן!
איך בייג אַראָפּ דעם מידן קאָפּ,
איך לאָז אַראָפּ די אויגן...

שורות צון עמעצן ווײַט

א.

איך זע, אין האַלבן שלאָף, אַ ווײַטן בוים
מיט עפּל און מיט קאַרשן —
ווינטלעך סודען זיך, נאָך זײַנע שאָטנס דאַרשטן —
און זײַן קלייד איז סאַמע צוויט.

אַ פֿויגל פֿליט
און ציליעט דורך דעם הימל, וואָס איז אויסגעשטערנט.
כ׳גיב אים מיט אַ בריוועלע,
ווי אין באַוווּסטן ליד...

ער פֿליט אַריבער געגנטן אַ סך
און שטעלט זיך אויף אַ דאַך,
וואָס לאָזט נישט ווײַטער ציִען...

אַך, און ביז סע הייבט אָן פֿריִען
און סע קומט די צײַט זיך אומצוקערן —
קומען שיינע דאַכטענישן זיך מיר דאַכטן,
כאָטש איך ווייס: דאָס מוסר־ספֿר וואָרנט,
אַז איך טאָר נישט
פֿון דײַן מינדסטן פֿינגערל אַפֿילו טראַכטן.

ב.

איך זוך מיר אַן אַנטרינעניש
דאָרט ווו דער חלום ציט מיך —
איך זע פֿון ווײַט אַן עפּלבוים,
און גוטע וועכטערס היטן...

און וויל איך, נעם איך אים אַרום,
ווי ווײַט איך זאָל נישט ווױנען —
אַריבער וועלדער, וואַסערן,
און שטעט מיט הויכע קוימענס.

די קוימענס אָטעמען מיט סם —
דער הימל ווערט פֿאַרכמאַרעט.
מע גייט אַרום אין מיטן טאָג
ווי אין אַ וואַלד קאַשמאַרן.

מע זעט ווי מענטשן פֿאַדען אום
און מאַכן מיט די לאַפּעס,
און מיט די שנאָבלען קלאַפּן זיי —
דעם אָטעם ווי צו כאַפּן.

אַ מאָל גייט אויף אַ פֿינצטער ליכט
ווו ס'פֿלעגן פֿינקלען שטערן;
די שײַן דערפֿון קען מאַכן בלינד —
מ'זאָל אָפּגעהיטן ווערן.

נישטאָ שוין מער קיין וואָלקנדלעך —
דאָס האַרץ ווערט אָזש צעריסן.
נאָר אויך אין טיפֿן כמאַרע־ים —
וואָס טוסטו, וויל איך וויסן.

מיר פֿאַרגעדענקט זיך שבת־אויפֿס,
און מיאַטע אויף די ליפּן —
און אַ באַטעמטער עפּלווײַן
פֿאַרגייט מיר אין די ריפּן.

ג.

איך טראָג אין אויג אַ קאָרנבלימל,
און אינעם האַרץ — די שײַן דערפֿון.
סע שווימט אין מיר אַ ווינקל הימל,
אַדורכגעקלערט פֿון שטילער זון.

אין ווינקל הימל שווימט אַ שיפֿל —
ווער זיצט דערינען? איינע צוויי.
אַוועק שוין יאָרן ווייס איך וויפֿל,
נאָר ס'איז נאָך וואַרעם צווישן זיי.

אַ טײַך געדענקט ווו ר'איז געבוירן,
דעם דנאָ פֿאַרלירן טאָר ער נישט.
כ'וועל אויך נישט קיין מאָל גיין פֿאַרלוירן
אין טאָל פֿון מײַן געדענקעניש.

סע פֿאַלן זידנדיקע רעגנס.
דער שטיין אין פֿעלד צעגייט פֿון שרעק.
טראָג, חלום, גאָט־געבענטשטע רגע,
צו יענעם שיפֿל מיך אַוועק.

שטאַרק אַ באַנאַלע באַלאַדע

זי האָט אויסגעבאָדן איר ליכטיק לײַב —
די זייף האָט געשמעקט נאָך יאַסמין —
און זי האָט אַ פּאָר מאָל זיך דורכשפּאַצירט
אויף דער גאַס, אַהער און אַהין.

נאָר אַז זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים,
נאָך אַ קאַרגער האַלבער שעה,
האָט זי געזאָגט: מע זעט מיך נישט —
לעהיי איך בין נישטאָ.

זי האָט אויסגעבאָדן איר ליכטיק לײַב —
די זייף האָט געשמעקט נאָך בעז.
און זי איז אַוועק אין גאַס אַרײַן,
צו חבֿרטעס אין געסט.

נאָר אַז זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים,
נאָך עטלעכענע שעה,
האָט זי געזאָגט: סע העלפֿט מיר נישט —
לעהיי איך בין נישטאָ.

זי האָט אויסגעבאָדן איר ליכטיק לײַב —
די זייף האָט געשמעקט נאָך רויז,
און זי איז אַוועק אין נאָענטן פּאַרק.
די לבֿנה איז באַלד אַרויס.

נאָר אַז זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים,
נאָך עטלעכענע שעה,
האָט זי געזאָגט: ס׳איז אַלץ אומזיסט —
לעהיי איך בין נישטאָ.

האָט זי אויסגעבאָדן איר ליכטיק לײַב,
און געגעבן אַ זיפֿץ דערבײַ:
מע זעט מײַן צווײַג נישט און מײַן צוויט —
מע גייט זיי נאָר פֿאַרבײַ.

בײַם שפּיגל האָט זי זיך פֿאַרטראַכט:
זאָג דו מיר, וואָס ס'איז גליק.
זי איז ערגעץ אַוועק מיטן ווינט אין פֿעלד,
און איז מער נישט געקומען צוריק...

אַ באַגעגעניש

זי איז מסתּמא געגאַנגען פֿאָרן צו דער אַרבעט.
די לופֿט האָט שוין געהאַרבסטלט.
די זון האָט געוואַרעמט ווי אַ שטיפֿמאַמע.

אין גיין האָט זי אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע פֿון איר טאַש
און געגעבן אַ קוק אַרײַן דערין:
צוגעקומען עטלעכע גראָע האָר.

אויף דער צווייטער זײַט גאַס האָבן זיך עטלעכע הינט געטשעפּעט צון אַ צויג.
זי האָט געגעבן אַ קוק אַהין,
און דעם בליק נישט תּיכּף צוריקגעכאַפּט —
האָט זי נישט געזען, אַז דער טראָטעוואַר ענדיקט זיך —
און זי האָט אַ שטאַרקן פֿאַל געטאָן.
נישט אויף די קני איז זי געפֿאַלן, נאָר אין גאַנצן.

איך בין געגאַנגען אַ פּאָר טריט הינטער איר.
ס׳האָט מיך געגעבן אַ יאָג — איר העלפן אויפשטיין.

אין פאַלן האָט זיך איר דאָס קלייד פאַרהויבן ביז העט איבער די קני.
זי האָט עס געוואָלט געבן אַ צי אַראָפּ —
נאָר ס׳האָט זיך עפּעס פאַרטשעפּעט און זיך נישט געלאָזט אַראָפּציִען.
כ׳האָב מיך געמאַכט אַז איך זע נישט גאָרנישט.
זי האָט קוים אַ שמייכל געטאָן,
אַ פאַרשעמטן, ביטערלעכן שמייכל.
כ׳האָב איר אויפגעהויבן דעם שירעם,
וואָס איז איר אַרויס פון די הענט בשעתן פאַלן.

„זיך ערגעץ צעקלאַפּט?״
זי האָט נישט געענטפערט.
„איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר האָט מיטגענומען אַ שירעם —
ס׳עט הײַנט רעגענען״.
(כ׳האָב עס נישט געזאָגט איר, נאָר דעם שירעם.)

זי האָט די גאַנצע צײַט נישט געגעבן קיין קוק אויף מיר —
נאָר כ׳האָב געזען, אַז זי האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט.
איך האָב מיך אויך פאַרשעמט,
און דאָס הארץ האָט אין מיר אַ כליפּע געטאָן.

איר פאַרשעמטער, ביטערלעכער שמייכל
איז אַרײַן אין מײַנע זיסטע מינוטן.

אַ שמייכל

כ'בין אַ מאָל געזעסן
פֿאַר נאַכט
אויף אַ קאָנצערט
אין אַ פּאַרק.
אויפֿן האָריזאָנט, אויף אַ שפּיץ באַרג,
האָבן זיך געריסן בײַ די קעפּ
צוויי פֿײַערשלאַנגען,
זיך אײַנגעשלונגען
איינע די צווייטע.
דער מאַמעס מילך איז אין מיר פֿאַרקילט געוואָרן.
כ'האָב מער נישט געהערט
וואָס מ'האָט אויסגעשפּילט און אויסגעקלונגען —
נישט די פּויקנקלעפּ,
נישט דעם באַסהאָרן,
נישט די כּלערליי קלאַרנעטן.

כ'האָב שוין געוואָלט אַוועק,
פֿאַר שרעק.

נאָר אַ פֿרוי,
נישט ווײַט פֿון מיר,
האָט געגעבן אַ פֿיר
מיט די פֿינגער
איבער אירע האָר — סתּם אַזוי,
און צון עמעצן אַ שמייכל געגעבן;
איז מיר ביסלעכווײַז געוואָרן גרינגער,
און עפּעס האָט זיך אין מיר אָנגעהויבן וועבן.

און די לבֿנה איז אַרויס
פֿון אַ וואָלקנשוויס,
דין,
מיט אַ סטרונע
געצויגן
איבער איר ליכטיקער שאַרף —

האָב איך צון איר אויפֿגעהויבן די אויגן...
כ׳האָב מיך ביסלעכווײַז געפֿונען
און געזען, סאַראַ מוראדיקער נאַר איך בין.
די הענט האָבן זיך געהויבן
צו דער הימלדיקער האַרף.

און עטלעכע ווײַסע טויבן
האָבן זיך צעפֿלאָטערט
אין דער לופֿטן.
כ׳האָב אַפֿילו געהערט עמעצן מיך רופֿן:
משהנוניו־טאַטע...

אַ קאַטאָוועסל

איך וואָלט אײַך געקענט דערציילן
ווער סע האָלט פֿון מײַנע לידער:
פּושקין, דער רמבם און מאָצאַרט,
און די ביידע גאָנקור־ברידער.

גאַליליי, דער ווילנער גאָון —
אַלע שרײַען, כ׳בין אַ דימענט.
בין איך אָבער דאָך אַן ענוו,
און איך האָב מיך פֿײַנט באַרימען.

אַ מעשׂה פֿון אַ מעשׂה־ביכל

(אָט די מעשׂה האָב איך געפֿונען אין אַן אַלט מעשׂה־ביכל,
וואָס זײַנע לויזע בלעטלעך האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו צעקריכן,
און די אותיות זענען שוין געווען אַזוי אָפּגעריבן,
אַז ווען איך שרײַב זי נישט איבער, וואָלט פֿון איר גאָרנישט געבליבן.
כ׳האָב גאָרנישט מוסיף געווען און נישט געביטן קיין אות —
אַזוי ווי געפֿונען, אַזוי געלאָזט.)

* * *

דאָס איז די מעשׂה פֿון אַ גבֿיריש קינד,
וואָס איז, לא־עלינו, פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין אַ זינד,
און האָט גורם געווען דערמיט אַ גרויס אומגליק, ביסלעכווײַז, נישט
אויף אַ מאָל —
דער פֿון אויבן זאָל אונדז אָפּהיטן דערפֿון, ער איז דאָך דער שומר־ישׂראל.

צו וואָס איך פֿאַרשרײַב זי? ווײַל אַז מע'ט זי לייענען,
וועט'ן זיך אפֿשר היטן און מע'ט דערנאָך פֿאַרשפּאָרן צו וויינען...
מע'ט נישט וואַרטן ביז סע'ט, חלילה, ווערן צו שפּעט.
אַדרבא, לייענט אַליין און זעט.
ווײַל דערציילן אַ מעשׂה צוליב דער מעשׂה אַליין — ווייס איך נישט צי
ס'איז כּדאַי,
בפֿרט אַז זי איז נישט פֿון די שיינע מעשׂות, נאָר זי איז אָבער אמת און
אַלט און נײַ,
און וועמען סע טרעפֿט אַזוינס, דעם טוט אַוודאי וויי,
כאַטש מע קנײַפּט זיך די באַקן און מע פֿאַרבײַסט דאָס געשריי.
אַ כּלל: אַ מעשׂה, וואָס איז געשען, אָדער נישט געשען, וויל נישט מע זאָל
זי נאָר דערציילן — און שווײַן!
ערשט אַז עמעצער גיט דערבײַ אַ טיפֿן זיפֿץ, אָדער אַ שיינעם שמייכל —
קען מען זאָגן, אַז דאָס דערציילן האָט זיך געלוינט.

נון, בײַם גבֿיר האָט געדינט אַ דאָרפֿישע מויד.
דעם פֿאָטער אירן האָט מען געגעבן איטלעכן חודש אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל,
און איר — קליידער און ברויט.
אַן אָרעם שיקסל, בײַ איר טאַטן אין שטוב
איז זי געלעגן ווי אין אַ גרוב
און געגעסן כאַראָבעס דרײַ מאָל אַ טאָג,
אַחוץ וואָס דער פֿאָטער, דער שיכּור, האָט געוווסט נאָר איינס: שלאָג!
נאָר דאָ, אַז זי פֿאַרעט זיך בײַ אַלעם גוטן,
האָבן זיך אין איר צעבליט די בלוטן.
די הויט איז בײַ איר געוואָרן אַזש בלי'ענד און בלענדענד,
און מיט גריבעלעך אין פּנים און אין די הענט.
מ'האָט געדאַרפֿט זײַן פֿון אײַזן אָדער פֿון שטיין,
דעם נסיון, וואָס דער יצר־הרע האָט דאָ אונטערגעשטעלט, בײַצושטיין.

טאַטע־מאַמע האָבן נעבעך געמיינט, אַז זייער קינד איז אַ כשר קינד —
זייער בן־יחיד וועט גאָר טראַכטן פֿון זינד?!
ווען עמעצער זאָל זיי געוועז זאָגן: „לאָזט נישט די צוויי קינדער אַליין
אין הויז,
קיין גוטס קען דערפֿון נישט אַרויס —
ס'איז פּונקט ווי פּוטער פֿאַר דער קאַץ געשטעלט" —
וואָלטן זיי אים דאָס פּנים צעקרעלט:
„וואָס רעדט איר? מיר קענען נישט אונזער זאָהן?
בײַסט זיך אָפּ די צונג — אונד שאָן".
ווער האָט די טאַטע־מאַמע בלינד געמאַכט?
גיי ווייס; ס'איז אַ באַשערטע זאַך.
אַ מענטש מעג אַפֿילו אין גאַרנישט גלייבן,
נאָר באַשערטקייט איז דאָ, און ס'איז געוועזן זינט אייביק —
צום גוטן און, חלילה, צום שלעכטן —
זינט די וועלט שטייט, און נישט פֿון נעכטן.

נו, אַז טאַטע־מאַמע האָבן דאָ גאַרנישט חושד געוועזן,
האָבן זיי גאַרנישט געהערט און גאַרנישט געזען.
די דינסט איז אַ שטילע — מע הערט נישט פֿון איר קיין הויך וואָרט.
מע דאַרף זײַן מיט טויזנט אויגן צו זען, אַז דאָ טליִעט עפּעס פֿאָרט...
(ס'איז דאָך אַ באַקאַנטע מעשׂה, אַן אַלטע,
אַז דער יצר־הרע האָט זיך ליב צו באַהאַלטן.)

סײַ ווי, מיר'ן עס מאַכן נישט צו פּאַמעלעך און נישט צו גיך:
אין אַ שיינעם טאָג האָבן טאַטע־מאַמע באַרעכנט זיך,
אַז ס'איז פֿאָרט גלײַך —
די מויד איז פּונקט דעמאָלט געוועזן מיט אַ באַליע וועש בײַם טײַך —
איידל אַ פֿרעג צו טון זייער זון, צי ווייסט ער אפֿשר וועגן וואָס
זייערע שכנים שושקען זיך פֿאַר נאַכט אויפֿן שטראָז...
איז פֿאַר אָט דער איינציקער פֿראַגע האָט זיך דער זון אַזוי דערשראָקן,

אַז ער איז געוואָרן רויט, אַזוי ווי פֿון פּאַקן.
טאַטע־מאַמע האָבן שיר נישט געחלשט דערפֿון אַליין,
נאָר מ׳האָט געדערכנט: גאָט ווייסט העלפֿן — אַזוי ווי ס׳איז געקומען, אַזוי
ווייסט עס גיין,
און מ׳האָט זיי געגומען היטן, אַז זיי זאָלן זיך אַפֿילו נישט אָנקוקן איינס
דאָס צווייטע —
מ׳האָט, הייסט עס, צוגענומען בײַ דער קאָץ די לייטער...
בקיצור: איין מאָל, אין אַ שיינעם אינדערפֿרי —
מע גיט אַ קוק — זענען בײדע נישטאָ; ס׳הייסט: נישט ער און נישט זי.
באַדאַרף מען דען אַ סך דאָ טראַכטן נאָך?
טאַטע־מאַמע האָבן תּיכּף דערפֿילט, אַז דאָס איז די בראָך.
מ׳איז אַוועק אין מיטן דער נאַכט, אַזוי שטיל,
אַז קיין הונט האָט אַפֿילו נישט געגעבן קיין ביל.
עפּעס ווי אַלע הינט צווישן זיך זאָלן האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט,
אַז מע זאָל הערן, זען און שווײַגן יענע נאַכט...

אַחוץ דעם האָט מען געטראָפֿן אויפֿן טיש אַ בריוועלע מיט עטלעכע ווערטער:
אַזוי און אַזוי, און מע זאָל זיי נישט נאָכיאָגן, ווײַל זיי זענען זייער ווײַט
אַוועק...

נו, דער פֿאָטער האָט תּיכּף באַקומען אַן אַפּאָפּלעקציע — פֿאַר איבערשרעק,
ווײַל מ׳האָט דאָך באַלד פֿאַרשטאַנען, ווו ס׳איז דער „ווײַט“,
מיט וואָס דאָס שמעקט און וואָס דאָס באַטײַט...

מע פֿרעגט די גוים אויף די פֿעלדער — מאַכן זיי זיך טויב און שטום,
נאָר איינער זאָגט אַזוי:
„עפּעס האָב איך פֿאַר טאָג יאָ, דאַכט זיך, געזען צווייען אין אַ יאַגנדיקן וואָגן,
אַ מאַן מיט אַ פֿרוי —
נאָר גיי ריכט זיך און גיי פֿאַרשטיי,
אַז דאָס זענען נישט קיין אַנדערע, נאָר אַקוראַט זיי...“

און איין גוי האָט געלאָזט שטעקן דעם רידל און איז צוגעקומען צום פּלויט,
און האָט געזאָגט גאַנץ פּראָסט: „איר זוכט, פּאַרשטיי איך, אײַער זון מיט אַ מויד,
ווײַל ס׳אי׳דאָך, פּאַרשטיי איך, אײַערס אַ לײַבלעך קינד —
נאָר כ׳האָב מורא, אַז איר זוכט דעם נעכטיקן ווינט...״
און אין דער באָרד האָט ער אַ בורטשע געטון: „גייט צו איר טאַטן, אַהין
האָבן זיי געמוזט גיין —
און גייט גיכער, אין קלויסטער קער שוין די חופּה שטיין.
וואָס זשע, איר ווייסט נישט, אַז ס׳איז שוין לאַנג צווישן זיי אָפּגעמאַכט,
אַז הײַנט בײַ נאַכט
זאָל ער פון אײַער גלויבן אַרויס
און זאָל אַרײַן אין יעזוסעס שויס?...
ס׳איז נישטאָ קיין סך צו קלערן —
נאָך הײַנט בײַ נאַכט וועט אײַער זון אַן אונדזעריקער ווערן״.

* * *

אין דרויסן האָט געברענט אַ געפּערלעכער פראָסט —
האָט די מוטער דעם אומגליקלעכן פאָטער בײַ אַ שכן איבערגעלאָזט,
און אַליין איז זי אַוועק געשווינד
ראַטעווען איר קינד.

זי איז געלאָפן ווי נישט מיט אירע כּוחות — ס׳האָט זי געטראָגן —
זי האָט נישט געפילט די שטיינער, וואָס שקצימלעך האָבן איר נאָכגעוואָרפן,
און נישט געזען און נישט געהערט די הינט, וואָס האָבן איר געהאַלטן
אין איין נאָכיאָגן.
צי שרעקט זיך דען אַ מאַמע פאַר שטיינער און פאַר הינט,
אַז זי דאַרף לויפן ראַטעווען אירס אַ קינד?
זי האָט נאָר געזען אַ פײַערל פאַר די אויגן,
און דאָס פײַערל האָט געוווּסט וווהין ס׳האָט זי געצויגן...

* * *

אין דריטן דאָרף האָט די מויד געוווינט,
מ׳איז אַלע געווען אין קלויסטער שוין,
און דער קלויסטער איז געווען איבערגעפּאַקט,
און די ליכט ביי אַלעמען אין די הענט האָבן געטשאַדעט און געקנאַקט.
מ׳איז געשטאַנען און מ׳האָט געצאַפּלט מיט אָפענע מײַלער,
און מ׳האָט אַלע מאָל געוואָרפן אַ בליק אויף היִנטערווײַלעכץ...
מ׳האָט זיך געפרייט: אַ גליק האָט זיי געפונען —
אַ ייִד גייט אַריבער צו זייער אמונה!
דערנאָך וועט זײַן אַן אמתע וועסעליע —
מע׳ט שיכורן און העפּען ביז צו דער סטעליע!

אָבער ווי דער גלח איז אַזוי געשטאַנען מיטן אָפענעם ספר־פּראַלניק
און געפּרעפּלט און געלייענט,
האָט זיך בײַם זון עפּעס אינעווייניק איבערגעקערט, און ער האָט זיך
שטיל צעוויינט —
מסתמא פון אַ שטאַרקער כוואַליע געפילן — ווער קען וויסן?
און דאָ האָט זיך פּלוצעם די טיר פונעם קלויסטער אויפגעריסן,
און די מוטער איז אַרײַן, מיט צעשויבערטע האָר,
און איז צוגעלאָפן צום גלח און צום יונגן פּאָר.
זי האָט אַן אָטעם געגעבן אַ געשריי:
„מײַן זאָהן! וואַרט! שטיי!"
מ׳האָט זי געוואָלט אַוועקרײַסן —
און אַרויסרײַסן איר קינד פון זײַן שנאָבל, דעם שאַרפן —
נאָר מ׳האָט איר צוגעהאַלטן דאָס מויל און די הענט,
ביז די צערעמאָניע האָט גענומען אַן ענד.

נאָר אַז דאָס יונגע פּאָרל האָט זיך אַרומגענומען,
איז געוואָרן אין קלויסטער אַ געפּערלעכע מהומה:

האָט זי גענומען גראַבלען און בײַסן,
ווי אַ ווילדע חיה האָט זי זיך געוואָלט אויפן גלח וואַרפן,

די מוטער האָט געגעבן אַ געשריי און אַ פֿאַל אַוועק,
און ס׳האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שרעק —
זי איז געבליבן ליגן ווי אַ געקוילעטע שאָף,
און מ׳האָט געזען, אַז זי שלאָפֿט שוין דעם אייביקן שלאָף...

אַז דער זון האָט דאָס דערבליקט,
האָט ער אַ טראַכט געטון: אוי, אַזוי גיך האָט מיר שוין גאָט דעם עונש צוגעשיקט?
ער איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דער מוטערס ברוסט
און האָט געוויינט און געשריגן: „איך האָב נישט געוווסט,
אַז דו וועסט עס דיר אַזוי שטאַרק נעמען צום האַרץ —
פֿינצטער איז מיר דאָס לעבן און שוואַרץ!
אָ, מוטער, מוטער, זײַ מיר מוחל, ס׳איז נאָכנישט אַלץ פֿאַרבײַ —
איך זאָג דיר צו: כ׳על ווערן גוט און פֿרום פֿון ס׳נײַ —"
נאָר די מוטער איז שוין געלעגן מיט די אויגן פֿאַרגלייזט,
זי איז שוין געווען, ווי מע זאָגט, פֿון אַלע צרות אויסגעלייזט.

* * *

וואָס ווײַטער איז געשען, וועט קיינער נישט גלייבן:
אַזוי ווי דער זון ליגט אַזוי און מע מיינט, אַז ער׳ט זיך באַלד אויפֿהייבן —
כאַפּט ער אַרויס פֿון דער בוזעם־קעשענע אַ פּיסטויל,
און יאָגט זיך אַרײַן אין דער שלייף אַ קויל.

די סומאַטאָכע איז געוואָרן זייער גרויס —
מ׳האָט זיך אַלע אַ לאָז געטון צו דער טיר און מ׳איז אַרויס.
דער גלח האָט שיר נישט פֿאַרלוירן די טענדע־ווערענדע,
בשעת אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר הענדעם־פּענדעם.
ער האָט געגעבן אַ שפּײַ: זינט ער לעבט, געדענקט ער נישט
אַזאַ מין זאַך — גיי הייב דיך אָן מיט אַ זשיד...

* * *

נאָר דאָס איז נאָך נישט דער סוף פֿון דער מעשׂה און דער עק.
אַז מ׳איז אַרויס פֿונעם קלויסטער און איטלעכער איז צו זיך אַוועק,
ווײַל אין דרויסן האָט געברענט אַ ביטערער פֿראָסט —
האָט מען פֿאַרגעסן, אַז מ׳האָט די מויד אין קלויסטער איבערגעלאָזט.
און זי, אַז זי האָט דערזען, אַז איר חתן איז שטום ווי אַ שטיין —
האָט זי זיך, נעבעך, ביטער צעוויינט:
„אַפֿילו דער טויט — האָט זי געכליפּעט — זאָל נישט צעשיידן
אונדז ביידן...״
און מיט די־אָ ווערטער האָט זי אַ כאַפּ געטון פֿון זײַן האַנט דעם פֿאַרבלוטיקטן
פּיסטויל —
און זיך אויכעט אַרײַנגעיאָגט אין דער שלייף אַ קויל.

* * *

די גוים האָבן אויפֿן וועג אַהיים
געבורטשעט אין די בערד אַרײַן, ווי צו זיך אַליין,
און אין די הערצער האָט זיך בײַ זיי צעזאָטן
אַן אַלטע גריזאָטע...

* * *

השם ישמרנו —
אַזאַן אומגליק זאָל זיך שוין מער נישט טרעפֿן קיינעם.

בוקאָווינער אָסיען־לאַנדשאַפֿט

עפּעס ווי דער רעגן
וואָלט געבליבן אין דער לופֿטן הענגען —
ער פֿאַרשטעלט דעם וועג דעם פויער:
„הײַנט זיך דיר פֿאַרוואָלט אַ פּירל האָלץ אין שטעטל ברענגען?״

אין דער סלאָטע שלעפּט זיך קוים דאָס פערדל,
מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן;
און, אַ פלאַכטע אויף דער פּלייצע,
טאָפּטשעט נאָך דער פויער, און ער זעט נישט פאַר די אויגן.

ווי אַ וואַנט האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער נעפּל —
נישט אַ טראָט צו שטעלן זעט מען.
ער דערלאַנגט דעם פערדל אַ פאַרפאַר אין הינטן:
„חלומען איז צייט אַ ביסל שפּעטער —

מיר'ן נאָךביידע נעכטיקן אין מיטן פעלד דאָ,
מיר'ן נאָך ביידע דאָ פאַרפרוירן ווערן, —
נאָר צו וועמען רעד איך?
צו אַ נאַריש אויסגעמאַטערט פערדל".

זינט דער זון איז אים אַהיימגעקומען
פון דער שטאָט און פון דער שקאָלע,
ווייסט מען, אַז די יידן — זיי אין אַלע צרות שולדיק,
אויכעט אין דער דאָ־אַנומלטיקער באָלע.

אויכעט אין די נעפּלען אַסיען,
אויכעט אין די טריקענישן זומער...
ער דערלאַנגט דעם פערדל אַ פאַרפאַר אין הינטן:
„צען כאָליערעס מעגן אויף דיר קומען!"

ווי צעפליקטע קאָלדרעס הענגט דער נעפּל
ביז צו דר־ערד צו.
צוויי וואָראָנעס קראַקען, ווי געבליבן ערגעץ הענגען —
נישט מע זעט זיי, נאָר מע הערט זיי.

איך לאָפֿנע נאָך אַ בריוו פֿון דיר

(אין פֿאָלקסטאָן)

איך לאָפֿנע נאָך אַ בריוו פֿון דיר —
דו צאַפּסט מיר דעם מאַרך פֿון די ביינער.
איך הער נישט, וואָס לײַטן זאָגן מיר,
אַז מע טאָר הײַנט נישט גלייבן קיינעם.

איך טונק די פּען אין מײַן געוויין,
און איך שרײַב דיר אָפּטע בריוון.
ווי קענען פֿון אויגן, פֿרעג איך מיך,
אַזוי פֿיל טרערן טריפֿן — ?

אוי, נעכטן האָט אַ ציגײַנערטע
מיר וואָראָזשעט — אויף איר אַזאַ לעבן!
איך האָב אויף איר אַ שײַפּ געטאָן
און איר נישט קיין גראָשן געגעבן.

זי זאָגט, אַז דו לעבסט מיט אַן אַנדערער;
איך גלייב נישט — מע מעג מיך שיסן.
פֿאַר וואָס אָבער וויין איך אין שלאָף ווי אַ ביין,
און די מורא וויל מיך פֿאַרוויסטן?

אַריבער וואַלד און וואַסערן
פֿאַרפֿליִען טויבנפֿאָרן —
און מיר איז אַנגסט און לייד באַשערט
און אָפּגעהאַקטע יאָרן.

די חבֿרטעס מײַנע פֿרעגן מיך,
צי דו שרײַבסט מיך — וואָס זאָל איך זאָגן?
איך וועל אַנטלויפֿן אין דער פֿרעמד, —
וווּ די אויגן וועלן מיך טראָגן.

נישטאָ, נישטאָ אַזאַ ערשין,
וואָס זאָל מײַן ווייטיק מעסטן.
איך זאָל נישט וויסן קיין גוטן טאָג,
אויב איכ׳ל אין דיר פֿאַרגעסן.

היימישע לאַנדשאַפֿט

קומט אַ פֿויערטע אין שטעטל,
מיט אַ ווערעטענע.
די געבענטשטע פֿינגער אירע
ווײַזן וואָס זיי קענען.

חוץ דעם, דאַכט זיך אַז אויך בלינדע
זעען, אַז זי שווענגערט —
און באַטעמטע שיינע פּירות
וואַקסן אויף איר, הענגען —

עפּל, פֿערעשקעס און קאַרשן
און געשמאַקע מאַנדלען.
קומט זי פֿון כּנען אַצינדערט
ביז אַהער געוואַנדערט?

די דודאים הערט מען איידל
און דעם ריח־שׂדה —
פֿון די ווײַטע חומש־לענדער
ציט זיך אַזש דער פֿאָדעם.

נישט פֿון כנען, פֿון חרן קומט זי —
דורך אַ ווײַטן בויגן.
איך האָב איר פֿאַרשטעלט די סטעזשקע,
און באַטראַכט די אויגן.

פֿון אַרם־נהרים קומט זי —
יאָ, איך קען מיך שווערן!
ווער האָט זי געברענגט אַהער צו —
מיר געוויזן ווערן?

אַך, פֿון אַלע וועלטן־וווּנדערס
איז זי, דאַכט זיך, גרעסער —
אמרי לי, געשטאַלט דו שיינע,
אַז דו ביסט מײַן שוועסטער —

וועל איך מיך נישט דאַרפֿן שעמען,
און כ׳על אין דער אָפֿן,
ווען כ׳על דיך דערזען פֿון ווײַטן,
קומען צוגעלאָפֿן.

און מ׳עט מיך נישט קענען טרײַבן
מיט קיין בייזע ווערטער;
טאָר איך דען נישט, ווי אַ ברודער,
האַלדזן דיך און צערטלען?

— — — — — — — — — —

טיר און טויער שטייען אָפֿן
איך חלומות וואַכע.
מיר איז גוט דורך זיי צו בלאָנקען —
אַז די שעהען שמאַכטן.

כ׳האָב אויסגעבענקט

אַ ווינטיק געלאַף און אַ טומלעניש טרייסלט די סעדער.
כ׳האָב שטיל, מיט עקשנות, געשטעלט זיך אַקעגן די ווינטנרעדער.

די ביימער שטייען אין קרוינען צעצונדענע בלעטער,
און שפּיזן פלי׳ען אָן אויף זיי און ווערן צעשמעטערט.

כ׳האָב אײַנגעשפּײַכלערט דאָס ביסל, וואָס איז מיר געראָטן —
אין ווינטערנעכט לאַנגע אַ באָביויך צו קאָכן, אַ בולבע צו בראָטן.

נו, מילא — איז אָרעם דער ביסן, די יויך — נישט פאַרפּראַוועט;
אַבי נאָר פון אייגענעם גאָרטן, אַבי נאָר נישט קיינעם באַוולט.

אַבי נאָר מידך — הייב איך מיט דאַנקשאַפט די אויגן,
אַבי נאָר דעם מידן קאָפּ פאַר קיין בשר־ודם נישט געבויגן.

כ׳האָב אויסגעבענקט אַ ליפּע חלומות, אַ ווײַסע —
זי שושקעט מיר אין שלאָף די שענסטע פון כלערליי מעשׂות.

כ׳האָב אויסגעבענקט — די ליפּע איז אַלץ אַ צעבליטע,
צו מאָל באַוואָרפט זי מיך מיט אירע טשיקאַווע צוויטן.

אַ מענטש, ווי איך — וואָס דאַרף ער? אַ קישן צו קאָפּנס,
אַ ביסל זון בײַ טאָג, און לבֿנה־ליכט נאַכטצײַט, אין טראָפּנס.

פון ערגעץ צי׳ען זיך זילבערנע שטראַלן־סטרונעס —
אַ קלאַנג האָט אויף זיי זיך געציליעט צו מיר און האָט מיך געפונען.

אַסיענוואַלד

אַ ווינט צעקעמט מיט נאַסע קאַמען
דעם וואַלד די גאָלדנדיקע בערד —
מיט שפּיצןביימער קוקט ער ערגעץ,
ווי ער וואָלט עפּעס דאָרט געהערט.

פון ווײַטע ווײַטן יאָגן רײַטערס
אויף ווײַסע, שוימענדיקע פערד,
און ס׳האָבן אויפגעהערט צו זינגען
די קוועלעכלעך, וואָס אונטער דר׳ערד.

די צימערינג־קאָלירטע צווײַגן —
— ווער האָט דעם אומעט זיי באַשערט? —
זיי וויגן אויף זיך מלכות־קרוינען,
מיט טוי פון אייביקייט באַטרערט.

דער וואַלד האָט טויזנטערליי זאַפטן,
וואָס האָבן אים געטרײַ גענערט.
ער ווײַזט די וויגטן די טשופּרינע,
און האַלט דעם אָטעם אײַן, פאַרקלערט.

ער הערט פון ווײַטנס שטורעמס קומען,
נאָר נאָך די שטורעמס שטילער ווערט —
ר׳איז פול מיט כּלע ציטערנישן,
און פול מיט פלאַטער און באַגער.

ווען איך בין גאָט

וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען איך בין גאָט ?
אָט :
איך וואָלט נישט געלאָזט,
אַז קינדער זאָלן געבוירן ווערן
גלײַך די האַרמאַטן אין די פּיסקעס אַרײַן.
איך וואָלט אַ זאָג געגעבן
פּשוט און פּראָסט,
אָבער אַזוי, אַז אַלע, טאַקע אַלע זאָלן הערן :
יהי,
אַזוי זאָל זײַן !
אַלע מיידלעך וועלן זײַן שלאַנקע און שיינע
און זיי וועלן געבוירן לעבן.
קיינע וועט נישט באַוויינען
אירע פֿאַרשעמטע קני.

און די ערד וועט זײַן אַן ערד,
און נישט קיין סדום ;
און די גוטסקייט וועט מיט איטלעכן טאָג ווערן פֿאַרמערט,
און די רישעות וועט אַרײַן אין אייביקן תּהום.

ווען איך בין גאָט.

תוכן

די בענקעניש פליט — — — — — — — — — — — — — — 3
איך קוק אין די ווײַטן — — — — — — — — — — — — — — 4
אין מײַן אומגעקומען שטעטל — א) — — — — — — — — 5
ב) — — — — — — — — 7
ג) — — — — — — — — 8
ד) — — — — — — — — 9
דער מאַמעס מצבֿה — — — — — — — — — — — — — — 13
אין שטאָק טריבע שעהען — — — — — — — — — — — — 17
משה־רבנוס באַרד — — — — — — — — — — — — — — 18
פייגעלעך און שטערן — — — — — — — — — — — — — — 21
מענטשן גייען אום — — — — — — — — — — — — — — 22
אַ קלאָרער וואָלקן — — — — — — — — — — — — — — 23
איך וואָלט וועלן פאַרמאָגן אַ ברונעם — — — — — — — — 24
איך צעוואַרף מײַנע לידער — — — — — — — — — — — 27
באַנאַלע שורות — — — — — — — — — — — — — — — 29
די באַלאַדע פונעם משׂכּיל בערל סופֿרין — — — — — — — 31
צו ראַבאָיס יאָרצײַט — — — — — — — — — — — — — 42
ווי פון אַ הויכער בינע אַראָפּ — — — — — — — — — — 44
דוד און מיכל — — — — — — — — — — — — — — — 44
אָוונט בײַם טײַך — — — — — — — — — — — — — — 46
ווי וויקלט מען צונויף אַ האַרץ — — — — — — — — — 47
אין מײַן פאַרשמאַכטקייט — — — — — — — — — — — 48
אַ ביטער ליד — — — — — — — — — — — — — — — 50
דער בעשט און דער בוים — — — — — — — — — — — 51
שטיינערנע שלעסער — 1) שקיעה עק שטאָט — — — — — 52
2) דאָון־טאַון — — — — — — — — 53
3) דאָס ליכט פאַר טאָג — — — — 54
אַז נוח איז קוים פון דער תּיבֿה אַרויס — — — — — — — 56
פרי־האַרבסט — — — — — — — — — — — — — — — 57
סוף־זומער־לאַנדשאַפט מיט רעפלעקס — — — — — — — — 58

ווּ סע פֿאַלן בריוו פֿון די שטערן — — — — — — — — — — — 60

וויגליד — — — — — — — — — — — — — — 62

אַז אַ מיידעלע באַנייט אַ קליידעלע — — — — — — — — 63

אַכיכי־נענע — — — — — — — — — — — — — — 63

ווען איך וואַלט — — — — — — — — — — — — — — 65

ביי בליטנדופֿטן — — — — — — — — — — — — — — 66

אַ חלום — וויסט — — — — — — — — — — — — — 68

מיין פֿאַרמעג — — — — — — — — — — — — — — — 69

וויסע אינדינס — — — — — — — — — — — — — — 70

אַ צוויקל בלוי — — — — — — — — — — — — — — 71

די שרעק — — — — — — — — — — — — — — — — 72

פֿאַרקבילדל — — — — — — — — — — — — — — — 74

סימעטריע — מיסטעריע — — — — — — — — — — 75

אין זכּרון — — — — — — — — — — — — — — — 76

אין שטערנליכט — — — — — — — — — — — — — — 77

שורות צון עמעצן ווייט — א) — — — — — — — — — — 79

ב) — — — — — — — — — — — — — — 79

ג) — — — — — — — — — — — — — — 81

שטאַרק אַ באַנאַלע באַלאַדע — — — — — — — — — — — 81

אַ באַגעגעניש — — — — — — — — — — — — — — 83

אַ שמייכל — — — — — — — — — — — — — — — 85

אַ קאַטאַוועסל — — — — — — — — — — — — — — 87

אַ מעשׂה פֿון אַ מעשׂה־ביכל — — — — — — — — — — 87

בוקעווינער אַסיען־לאַנדשאַפֿט — — — — — — — — — — 94

איך לאָפֿנע נאָך אַ בריוו פֿון דיר — — — — — — — — — — 96

היימישע לאַנדשאַפֿט — — — — — — — — — — — — 97

כ׳האָב אויסגעבענקט — — — — — — — — — — — — 99

אַסיענוואַלד — — — — — — — — — — — — — — — 100

ווען איך בין גאָט — — — — — — — — — — — — — 101

גלאָסאַר

אימער — תּמיד
אימרי לי — זאָג [וועגן] מיר (בראשית כ, יג)
אימפּעריאַלן — געלט
איש — דער מאַן [יוסף] (בראשית מג, א)
אַני לדודי ודודי לי — איך בין מײַן געליבטנס, און מײַן געליבטער איז מײַנער (שיר־השירים ו, ז)
אַנשים ונשים וטף — מענער און פרויען און קינדער (ירמיהו מ, ז)
אפרת — שטאָט אין כּנען, וואָס אויפן וועג אַהין ליגט באַגראָבן די מוטער רחל
אָקרענט — שיף
אַרם־נהרים — מעסאָפּאָטאַמיע
אַשאַזען זיך — זיך אײַנאָרדענען
באַלע — עפּידעמיע (בײַ שטוב־חיות)
בגילוי־ראָש — אין הוילן קאָפּ
בגלופין — שכּורלעך
בין־השמשות — פאַר נאַכט
במקלי — מיט מײַן שטעקן (בראשית לב, יא)
בני־נפילים — קינדער פון די נפילים [= ריזן] (בראשית ו, ד)
בעלת־אוב — גײַסטער־זעערין (שמואל א׳ כח, ז)
בשׂר־ודם — פלייש און בלוט (= אַ מענטש)
גבול — גרענעץ (דאָ: טעריטאָריע)
גדר — אַ פּלויט אַרום אַ בית־עלמין
דודאָים — ליבעפּעלעך (בראשית ל, יד)
הי״ד — השם ינקום דמם — גאָט זאָל נקמה נעמען פאַר זייער [אומשולדיק פאַרגאָסן] בלוט
השבעה — באַשווערונג
ווערעטענע — האַנטשפּינדל

ומעט דבֿש — און אַ ביסל האָניק (בראשית מג, יא)
זה [היה] חלקי — דאָס איז [געווען] מײַן חלק [פֿון מײַן גאַנצער מי] (קוהלת ב, י)
חבֿיבֿי — מײַן ליבער
חורבן־בית — חורבן־בית־המיקדש
חנוך לנער — געוווין דעם יינגל [אויף זײַן וועג] (משלי כב, ו)
חרן — שטאָט אין אַרם־נהרים
טאַבאָר — ציגײַנערישער וועגענער־קאַראַוואַן
טענדע־ווערענדע — גלחיש ריטואַל־מלבוש
יהי — זאָל ווערן (בראשית א, ג)
יום־המוות — דער טאָג פֿון טויט (קוהלת ז, א)
כּבֿר — טײַך אין בבֿל, ווו יחזקאלען האָט זיך געעפֿנט דער הימל (יחזקאל א, א)
כּבֿיכול — גאָט
לא ידעתי מה הם — איך ווייס נישט וואָס זיי זענען (רשי אויף בטנים — בראשית מג, יא)
ליימל — פּרימיטיוו לײַכטערל, געמאַכט פֿון אַ שטיקל ליים
מדבר — דער וואָס רעדט (= דער מענטש)
מום — פֿעלער
מטמון — אַ פֿאַרמעגן מיט געלט
מידך — [גאָט,] פֿון דײַן האַנט
מינץ — געלט
מעט צרי — אַ ביסל באַלזאַם (בראשית מג, יא)
מעמד — מצבֿ, מנוחה
מקום־מיקלט — אַן אָרט פֿון אַנטרינונג
משולש — דרײַעק
ניכנעדיק — מיט הכנעה
עדה — קהילה
עולמות — אויף ע׳ (= אויף צדקה)
עונש — שטראָף [פֿון גאָט]
עיגול — קרײַז
על כּנפֿי־נשרים — [איך האָב אײַך געטראָגן] אויף אָדלער־פֿליגלען (שמות יט, ד)
פֿאַכוועֿ — דאָס אָרט אונטערן אַקסל
פּאַראַדיגמע — דוגמא, משל
פּיאַרנע — משוגעים־הויז

פראָפֿעט — נבֿיא

צדקת — ביסט גערעכט

צעפּאַדעט — פֿאַרשוויצט־צערודערט

ראָוי — [איך בין] ווערט

רוסאַלקע — וואַסער־מיידל, נימפֿע

ריח־שׂדה — ריח פֿון פֿעלד (בראשית כז, כז)

שבֿע חכמות — די זיבן וויסנשאַפֿטן

שבֿעה ימים — זיבן ימים

שם תהא — דאָרט [דאָ] וועט זײַן [אײַער קבֿר, אויב איר וועט נישט מקבל זײַן די תורה] (לויט אַן אַגדתא)

שקיעה — זונפֿאַרגאַנג

תּרופֿה — רפֿואה